STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01848

# DER MAMES NIGN

Shlomo Roitman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



שלוימע רויטמאַן

# דער מאַמעס ניגן

## לידער און פּאָעמעס

סאָוועטסקי
פּיסאַטעל
מאָסקווע
1971

שלוימע רויטמאַן איז ניט קיין פּאָנעם־כאַדאָשעס אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטע־ראַטור. זייַן ערשט ביכל לידער „ווייַנגערטנער“ איז דערשינען נאָך אין 1941 אין דעם מאָסקווער מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס“. אין 1947 האָט דער דאָזיקער פאַרלאַג אַרויס־געגעבן ש. רויטמאַנס בוך לידער „גוטמאָרגן, זינגער!“. איצט האָט איר פאַר זיך דעם דיכטערס שאַפונג פאַר די לעצטע יאָרן (אַ טייל דערפון איז געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ רייַ נומערן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ און אין רויטמאַנס בוך לידער «Свет и тень», וואָס עס האָט אין 1964 אַרויסגעלאָזט דער מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“).

ש. רויטמאַן איז שוין לאַנג פאַרעכנט פאַר איינעם פון די באַדייַטנדיקסטע סאָוועטיש־ייִדישע פּאָעטן. ער איז אַן עכטער פאָלקסזינגער. איר פילט עס אין די סוזשעטן און מאָ־טיוון, וועלכע ער לייגט אויס פאַר אייַך, אינעם וויי און מוט, וואָס מיט זיי זייַנען דורכגע־דרונגען די לידער, ווי אויך אין זייער האַרציקן טאָן און ריטם און זייער פּאַשטעס.

דער מאַמעס וויגליד קען איך ניט פאַרגעסן,
וואָס זאָל איך טאָן, איך קען זי ניט פאַרגעסן,
איך בין אין איר, ווי אין מייַן וויגעלע, געזעסן,
איר גרויסער ניגן ווערט דאָך קיינמאָל ניט פאַרענדיקט,
דער מאַמעס וויגליד — זי איז דאָך מייַן אָנהייב שוין אַף שטענדיק.

ווי אַ דיכטער, וואָס טראַכט און שאַפט וועגן און פאַר דעם פאָלק, האָט רויטמאַן אָפט צו טאָן מיט שטייגערישע אָביעקטן און גאַנץ געוויינלעכע סיטואַציעס. ער איז אָבער ווייַט פון באַזינגען בלויז די טאָגטעגלעכקייַט פון דעם שטייגער. עס ציט אים צו דער גרויסער אַרומיקער וועלט, צו וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן, צו פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען. און אַפילע ווען ער רעדט מיקוייעד וואָכעדיקע איניאָנים, קאָנקרעטע שטייגער־זאַכן, שיל־דערט ער זיי אַזוי בילדעריש און האַרציק, באַהויכט זיי מיט אַזאַ וואַרעמען אָטעם, אַז איר דערזעט אין זיי עפּעס מער, ווי בלויז שטייגער, עפּעס מער, ווי קאָנקרעטע זאַכן. איר דערפילט, אַז עס רעדט צו אייַך אַ דיכטער, וואָס וויל, איר זאָלט זיך אויך אַ ביסל אויס־טאָן פון דער טאָגטעגלעכער וואָכעדיקייַט און זיך אָנעמען מיט יאָמטעוודיקער, נעשאָמע־יעסיירעדיקער שטימונג.

# דער גורל
# פון א ניגון

## וואָס אין פּידעלע שטעקט

אַלע פֿעלקער האָבן ליב אַ פּידעלע.
שאָלעם־אַליינעם

צווישן קאָלע־באַזעצנס — אַ ווײַנענדיקס
און אַ פֿרײלעכס, אַ וויוואַט, אַ לידעלע —
פֿון די בערדיקע זיידעס
ביז די אייניקעס
שטעקן מיר אַלע אין פּידעלע.

ס'איז מײַן פֿידל די שפּיל פֿון גוויראַלעס,
און דער אָטעם, וואָס וויל זיך ניט קילן,
און דער ווינט פֿון נעשאָמע־בעהאָלעס,
און מײַן ליבע, וואָס כ'דאַרף נאָך דערשפּילן.

ס'גיסט זיך אויס אײַנגאַנצן אַ פּידעלע,
אַף קיינמאָל ניט ווערן פּוסט,
ניין, ניט אומזיסט איז באַם פּידעלע
אופֿגעעפֿנט די ברוסט.

מיט זײַן לײַב, אזא רויטס און זוניקס,
אזא קרעפטיקס און בראָכיק־צארטס,
און מיט הילכיקע אָדערלעך־סטרונעס
דערמאָנט עס א מענטשלעך הארץ.

אף מײַן פידל פיר סטרונעס ציטערן,
און אלע הייסלײַביק פילן,
און מיט אלע לעבנס־געוויטערן
זיי קאָנען פאראָטעמטע שפילן.

ס׳גיסט זיך אויס אינגאנצן א פידעלע,
אף קיינמאָל ניט ווערן פוסט,
ניט אומזיסט דאָך איז בא א פידעלע
אופגעעפנט די ברוסט.

ניט אף קאלטער וואנט אופגעהאנגען, —
ס׳איז געוואָרן איין הארציקער פלאם,
זײַן ליד איז דורכגעגאנגען
דורך פײַער, און פעלדזן, און יאם.

און עס רוישט שוין, אין גראָזן גערעָטן,
און עס שפילט שוין דורך צווײַגן, וואָס ריידן,
און זײַן ברוסט איז די וועלט און דער אָטעם
וואָס מע קאָן זיך מיט זיי ניט צעשיידן.

און ערד, און הימל, און פידעלע,
און דאָס לעבן, וואָס שפילט, איז ניט פוסט.
ס׳האָבן ערד און הימל באם פידעלע
אופגעשניטן די ברוסט.

1958

## ווי מע טאנצט א האָנגע

הערש רעמעניקן

א האָנגע — איז גייט מען מיט א פּאטשיילע,
א האָנגע איז זייער אן איידעלע קיילע,

ווי טאנצן, לעמאָשל, איר וואָלט אף א שפּיגל
און טראָגט אפן קאָפּ א קרישטאָלענעם קריגל,

פונוואנען מע טאָר ניט קיין טראָפּן פארלירן.
מע הייבט אָן אינצווייען, מע ענדיקט אינפיר׳ן.

א האָנגע איז ווארעם, א האָנגע — יאדאכעס,
זי איז, ווי דער אָרעם, געשטרעקט צו דעם נאכעס.

איר גאנג איז געגעבן נאָר דעם אויסצוגלעטן,
וואָס ווייסט שוין די ווערט אָט די ערד צו באטרעטן.

דערפאר הייבן אָן זי באדאכט און געשטעלטער
אָט יענע, וואָס זייַנען אריַין שוין אין עלטער.

בא אונדז אף דער כאסענע בא דער מיזינקע,
וואָס מ׳האָט ווי מיט ניסים זי אויסגעפּילינקעט,

אײַ, האָט דער טאַטע געטאָן א צעוויקל
די בלויע פאטשיילע מיט גאָלדענעם צוויקל, —

אײַ, איז דער טאטע געגאנגען א האָנגע,
ער איז מיטן טוך ווי אין הימל געהאנגען,

געהאנגען ווי איבער דער מאמעשיס אויגן,
און זי האָט נאָך אים זיך געצויגן, געפלויגן.

איין עק — בא דעם טאטן, איין עק — בא דער מאמען,
זיי דרייען, ווי פעדעם, צונויף זיך צוזאמען,

דער טוך זאָל ניט בלײַבן בא איינעם פוןביידן,
ער זאָל ניט א פאָך טאָן, ווי בא דעם צעשיידן.

זיי גייען אינצווייען ווי איבער א שפיגל,
סע ווייען צוויי עקן באם טיכל, ווי פליגל, —

אָ, זאָלן די אלטיטשקע כאָטש ניט פארפליִען.
די יונגע סע נעמען צום טיכל זיך ציִען,

צו פרײַע צוויי עקן, די האָנגע צו פירן.
מע הייבט אָן אינצווייען, מע ענדיקט אינפיר'ן.

אײַ, איז מען אינפיר'ן א האָנגע געגאנגען,
דער טוך איז אין הייך, ווי א כופּע, געהאנגען.

ווער שטייט אונטער כופּע, אז ס'טאנצן דאָך אלע —
דער טאטע און מאמע, דער כאָסן און קאלע,

און נאָר בא דער שײַן פון געזיכטער מענוירעס
מע זעט, אונטער כופּע עס גייען די דוירעס.

דער דאָר, וואָס פאַרגאַנגען, ער קומט זיך צו קניפּן,
דער דאָר, וואָס דאַרף קומען, אין קוש פון די ליפּן.

און ס׳פּלאַטערט דאָס טיכל — א בלויליעכער פליגל,
און ס׳וויגט זיך די האַנגע — א הוידע פון וויגל.

מע הערט דעם טראָמפּייט נישט, זײַן ברוסט איז פאַרשלאָסן,
ארויסגעלאָזט האָט די פּאַטשיילע דער כאָסן

און בייגט זיך, ווי ער איז פאַרטאָן אין געדאַנקען.
געברענט האָט דער יונג דאָך ניט איין מאָל אין טאַנקען,

דורך פײַער און אײַזן זיך דורכגעבראָכן,
געשפּילט האָט זײַן ליבע מיט טויט א ניצאָכן.

דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער — אינדרײַען
זיי פּאָכען און פּאָכען מיט טוך דעם געטרײַען:

לינדקײַט — פאַר וווּנדן! פרײדן — פאַר ווייטעק!
צאַרטקײַט, ווי פרידן, דעם כאָסן איז נייטיק!

און ס׳שווײַגט דער טראָמפּייטער ווי גלײַך ניט קיין היגער,
דער שטאַרקסטער טראָמפּייט איז אליין דאָך דער זיגער.

עס ברומט עפּעס אויך ניט דער באַס אַף זײַן קיילע —
דער טאַטע ארויסגעלאָזט האָט די פּאַטשיילע.

סע וויגט זיך דער טאַטע, וויל עפּעס פאַרגעסן...
עס האָבן געפּרעסן זײַן לײַב די עסעסן,

געקרייצט אים די ביינער, מיט שמוץ אים באַגאָסן,
פאַרוואָס ס׳האָט מײַן טאַטע דערהאַרגעט כריסטאָסן.

די מאמע, די שוועסטער, דער כאָסן — אינדרײַען
זיי פּאָכען און פּאָכען מיט טוך דעם געטרײַען,

זיי פּרוּוון, מיסטאמע, פון טאטן פארווייען
די שאָטנס, די קריוודע, דעם שמוץ און די ווייען.

ווער זאָגט, אז דער ברומיקער באס האָט געשוויגן?
דער באס איז מײַן טאטע, און טיף איז זײַן ניגן.

וואָס אופגעהערט האָט זיך די פּלייט עפּעס פּעסטען,
פארוואָס איז ארויס פון דער האָנגע מײַן שוועסטער

און בייגט זיך, ווי אונטער די טויען — א בלימל,
און טוליעט די ברוסטן ווי צו צו דעם הימל?

די איז שוין פארשאָטן, מײַן שוועסטער, געוועזן,
נאָר ס'האָט, ווי איר גרעזל, די ערד זי גענעזן,

געוואָלט ווי א נעס אפּדאָסנײַ זי געבירן,
עס זאָל נאָך דאָס מיידל איר ליבע דערפירן.

דער טאטע, די מאמע, דער כאָסן — אינדרײַען
זיך דרייען און וויען מיט טוך דעם געטרײַען:

לופט פאר דער ליבער! דופט פארן בלימל!
דער קאלע — א זון, א לעוואָנע, א הימל!

קווייטעלע־קאלע, פלייטעלע־קאלע,
ס'קוועלן די קוואלן, סע שפּילן די קוואלן.

וואָס פראוועט דער פידל א שטילע אווילע?
די מאמע ארויסגעלאָזט האָט די פאטשיילע

און בייגט זיך ווי גלײַך בא דעם אויוון פארכאלעשט,
און האלט ווי א פרישע געבאקענע כאלע,

און שטרעקט זי דורך יאָרן צו ווײַטן, צו הייכן,
און קען מיט דער כאלע צום קינד ניט דערגרייכן,

און קען אָט די כאלע איר קינד ניט דערלאנגען,
וואָס איז אינעם לאגער אָן ברויט אויסגעגאנגען.

דער טאטע, די שוועסטער, דער כאָסן — אינדרײַען
ווי פאַרכטיק זיי פאָכען, איר צאר כאָטש פארטײַען;

דער בלוילעכער טוך מיטן גאָלדענעם קענטל
זיך שטרעקט צו איר אויס, ווי א קינדעריש הענטל —

אָן אייניקל שענקען איר דאַרף די מיזינקע,
זי דארף נאָך פילינקען, איר טרייסט נאָך פילינקען.

די מאמע — זי וועט דען די סימכע פארשטערן,
מיט זיך קען מײַן מאמע פארשטעלן אויך טרערן,

זי שמייכלט, זי טאנצט שוין און זינגט נאָך א לידל,
אוי, פידעלע־מאמע, אוי, מאמעניו־פידל!

און ס׳גייט זיך די האָנגע, און ס׳וויט די פאטשיילע.
א האָנגע איז זייער אָן איידעלע קיילע,

ווי טאנצן, לעמאָשל, איר וואָלט אָף א שפיגל
און טראָגט אפן קאָפּ א קרישטאָלענעם קריגל,

פונוואנען מע טאָר ניט קיין טראָפּן פארלירן.
מע הייבט אָן אינצווייען, מע ענדיקט אינפיר׳ן.

און ס׳דאכט, אף דער האַנגע מיט הערצער זיי הענגען,
און ליבע, און לעבן, און טרײַהײַט זיי ברענגען

אין אָט אַ־דער בלויער פאַטשיילע פאַרבונדן,
וואָס קען אויך פאַרבינדן און היילן די וווּנדן.

מע האלט בא דעם טוך זיך פאַרקניפּט, ווי אין פריידן,
ער זאָל ניט א פּאָך טאָן, ווי בא דעם צעשיידן.

אָ, צאַרט איז א האָנגע, דאָס האַרץ מוז עס וויסן,
דער טוך זאָל, כאָלילע, ניט ווערן צעריסן.

27 מײַ 1962

## דער מאמעס וויגליד

פ אָ ל ק ס מ אָ ט י ו

דער מאמען מיט ליבשאפט

דער מאמעס וויגליד קען איך ניט פארגעסן,
וואָס זאָל איך טאָן, איך קען זי ניט פארגעסן,
א טײַער קאָל איז בא מײַן וויגעלע געזעסן
און האָט מײַן הארץ געלערנט גיין אין סטרי פון ניגן,
וועט אָן איר וויגליד דאָך מײַן הארץ זיך אופהערן צו וויגן.

דער מאמעס וויגליד קען איך ניט פארגעסן,
איך קען זי אין מײַן לעבן ניט פארגעסן:
א זוניק ווינטעלע איז אף מײַן ברוסט געזעסן
און האָט מײַן אָטעם ווייען וואָרעם אויסגעלערנט,
קען אָן איר וויגליד דאָך מײַן אָטעם אויסגעקילט מיר ווערן.

דער מאמעס וויגליד קען איך ניט פארגעסן,
איך קען זי ווי מײַן נאָמען ניט פארגעסן:
א קלאָרע ציג איז אף מײַן קישעלע געזעסן,
דערציילט, די וועלט איז ווײַס, אף מוטער־מילך געזויגן,
וועט אָן איר ליד דאָך אויסרינען די שײַן פון מײַנע אויגן.

דער מאמעס וויגליד קען איך ניט פארגעסן,
איך קען ווי אין מײַן היים זי ניט פארגעסן:
א פאווע גאָלדיק איז צוקאָפּנס מיר געזעסן,
פארפיקט אין מויעך מיר דעם טרוים פון גליק און גינען,
קען אָן איר וויגליד ווו זיך דעמלט אייגענען מײַן זינען?

דער מאמעס וויגליד קען איך ניט פארגעסן,
וואָס זאָל איך טאָן, איך קען זי ניט פארגעסן,
איך בין אין איר, ווי אין מײַן וויגעלע, געזעסן,
איר גרויסער ניגן ווערט דאָך קיינמאָל ניט פארענדיקט,
דער מאמעס וויגליד — זי איז דאָך מײַן אָנהייב שוין אף שטענדיס.

1955

## דער ניט פֿאַרענדיקטער ניגון

פֿאַרענדיקט מוז ווערן אַ ניגון,
און ווער ס'האָט אים איבערגעריסן,
פֿאַרשעלטן אים קינדער אין וויגן,
ער זאָל פֿון קיין לעבן ניט וויסן.

איך בין דאָס פֿאַרבֿרעכן באַגאַנגען,
געבוירן אַ האַלבע נעשאָמע,
נאָר די ניט דערוווּיטעקטע קלאַנגען
שוין נעמען, שוין נעמען נעקאָמע.

דער ניגון, ווו ס'זײַנען די גלידער,
ווי ברוגעמס, פֿאַרשטאָפּטע מיט שטיינער,
ער שטעלט זיך באַצאָרנט אַנידער
און טרייסלט מײַן מאַרך פֿון די ביינער.

איך האָב אים אַ קאָל נאָר געגעבן,
קיין מויל פֿאַר דעם קאָל ניט געשניטן,
איצט שפּאַלט ער דעם בוים פֿון מײַן לעבן,
און פֿײַערס דאָרט ווײַנען אינמיטן,

דאָרט קענען די טויִקע שפּליטערס
אין גאָלדענעם רונד זיך ניט צינדן,

ווי ס׳קענען זיך הארציקע ציטערס
אין האלביקן ניגון ניט בינדן.

די זינגער — זיי זײַנען סאָלדאטן,
וואָס שווערן דעם ניגון באם לעבן,
און ווער ס׳האָט די שווערע פאראטן,
איז כּײַעוו די שווערד אָפּצוגעבן,

און שטרענג איז דער דין און ניט דולדיק,
עס נעמט אין די הענט זי דער שאָכן,
און ס׳ווערט אויף דעם קאָפּ, וואָס איז שולדיק,
איר שטאָל, ווי זײַן ערע, צעבראָכן.

און דו האָסט געוואגט צו פארשווערן
דעם אויצער דעם פאַלקישן צארטסטן,
טאָ זאָלסטו אליין איבערברעכן
דײַן שווערד אויף דעם אייגענעם הארצן.

און אויב ס׳איז די ליד בא דעם זינגער
זײַן שווערד, — זאָלן בראָכיקע שטאָלן
זיך שמעלצן אפסנײַ אין איין קלינגל
מיט פײַער, וואָס הארץ וועט זיי צאָלן,

און זאָל זיך דאָס הארץ צווישן שארפן
פון ווייטעק צו ווייטעק מיר וויגן,
וועט עפשער די בלוטיקע הארפע
דערשפּילן ביז ענדע דעם ניגון.

1955

## דער מײַסטער פון פײַפעלעך

גוט געלערנט האָט דער מײַסטער די מעלאָכע מיך די שווערע,
ווי א בוים, אריײַנגעוואקסן גרינטלעך איז אין מיר זײַן לערע.

זײַנע רייד איך כאזער איבער, אים זאָלט איר אין מיר דערהערן,
ווײַל ניטאָ איז שוין דער מײַסטער, און ער וועט זיך מער ניט קערן.

„זאָלסט ניט מיינען, — פלעג ער זאָגן, — אז ס׳איז פון די גרינגע זאכן
פון, מישטיינסגעזאָגט, א דאָרן גוטע פײַפעלעך צו מאכן,

ארבעטן אף אלע קיילים איז נאָך גאָרניט, מע דארף וויסן,
אויך דער דאָרן טאָר ניט ווערן פֿראָסט פון גרונט ארויסגעריסן.

זאָלסט אים אָפשנײַדן אזוי נאָר, אז ער זאָל אפסנײַ דערשפּירן
יענעם הויכן לעבנס־ווייטעק, וואָס ער קען א טויטן רירן.

האלט אים פעסט, אז ער זאָל ווידער אין דײַן האנט די ערד דערפילן,
און אין דײַנע פינגער — וואָרצלען, אנדערש, ווי זשע וועט ער שפּילן.

ביז ארײַנשטעכן אין ברוסטן דארף מען צודריקן אים קענען,
אז אליין דאָס הארץ זאָל נעמען לעכעלעך אים אויסצוברענען.

נאָר דאָס האַרץ איז אויך דאָ ווייניק, ס'קען פאַרקוילן אים מיט פלאַמען,
הענגען דאַרף מען אַפן דאָרן, ווי עס הענגט אַמאָל אַ מאַמע

אַף איר קינד, וואָס איז פאַרטויט שוין, איז פאַרבלויט שוין, ווי אַ בלימל,
ווי עס וואָלט שוין אָפּגעפלויגן און צעגאָסן זיך אין הימל,

און זי הויכט אים אַפן פּאָנעם, ווי זי וואָלט דעם טויט געטריבן,
און זי אָטעמט זיך אַריבער אינעם נעפּעש אין איר ליבן,

און זי קומט זיך אָפּצופרעגן, אַף אים אָפּרופן די פאַרבן,
אויך אַזוי אין אים דו אָטעם, אויב מע דאַרף, איז ביזן שטאַרבן.

דעמלט נעמט דער דאָרן גרינען: בלעטער רוישן, ווינטן ווייען,
און אין לעכעלעך אין זײַנע בויען נעסטן סאָלאָווייען,

און ווען ס'הילכן סאָלאָווייען, ווייס, דער טויט איז שוין פאַרטריבן.
ניט אומזיסט דאָך קומט די יוגנט אונטער זייער ליד זיך ליבן".

ניט מיט רייד האָסט מיך געלערנט, ביסט מיר ליבער פון אַ טאַטן,
און ביז הײַנט נאָך דײַנע ווערטער בלוטיקן מיט דײַנע טאַטן.

אַך, ווען ס'האָט אַרײַנגעשאָסן דיר, מײַן שיינער דודע־מאַכער,
אין דײַן מויל די קויל פון כּוישעך יענער ברוינער דאָוועד־אַכער,

און האָסט זיך געטאָן אַ וואַקל, ווי די ערד וואָלט זיך פאַרלאָרן,
האָט געדוכט דיר, אַז עס הוידעט ניט די ערד זיך, נאָר אַ דאָרן,

און דו האָסט דײַן לעצטן אָטעם ווי געוואָלט אין אים פאַרפלאַנצן,
אויסגעאָטעמט, אויסגעווייטעקט, אויסגעגאָסן זיך אינגאַנצן

און געטאָן אַ לעצטן פליסטער: „מיין ניט, ס'איז פון גרינגע זאַכן
פון אַן אויסגעהוילטן דאָרן גוטע פײַפעלעך צו מאַכן".

1960

## דאָס מײַסעלע פֿון לעבן

הײַנט, װען מײַן מענער־װעלט זיך קען שױן מער ניט װערן,
און פֿאַנען גאָלדענע פֿון קינדהײַט מײַנער װײען,
איך בעט דאָס מײַסעלע דאָס ליבסטע בא האָמערן
פֿון פֿילגעליטענעם און קלוגן אָדיסײען.

און מײַסע־פֿעדעמלעך פֿאַרקלערטערהײט זיך שפּינען,
זיך װעבן קלינגענדיק אַרױס װי פֿון די לאָקן,
װאָס הענגען זילבערנע אַף פּלײצעס בא דעם זאָקן,
װי א פּילסטרונעדיקע לירע, פֿול מיט זינען.

און װען דער זאָקן לאָזט זײַן יונגע ליד, װי טױען,
אין קאָל פֿון בלינדן דעמאָדאָקן האַרציק רינען
דאָרט, בײס דער סודע בא דעם קיניג אַלקינױען,
פֿון פֿרײַנט פֿאַרלױרענע, װאָס ס'איז ניט צו געפֿינען,

און אָדיסײ פֿאַרדעקט מיט מאַנטל זיך מיט רױטן,
װי מיט דעם זונפֿאַרגאַנג פֿון פֿרײַנט װאָלט ער פֿאַרצױגן
דעם טרױער־װאָלקן, װאָס גײט אָפּ פֿון זײַנע אױגן,
די הױכע בענקשאַפֿט נאָך א ליבן, נאָך א טױטן,

ווײנט אויך מײַן הארץ. ניט פרעג, פארוואָס איך וויין באם לײיענען.
כ׳בין הײַנט א קינד, איז דארף איך דען אַן ענטפער געבן?
אויב נאָר א ראנד ליגט צווישן מײַסעלע און לעבן,
איז שווענקען קינדער אים אראָפּ, בעשאס זיי ווײנען.

**1955**

## דאָס לידעלע אױף דעם צװײַגל

ניט קײן פױגל, ברידערלעך,
איז אַרײַן אין שטײַגל,
ס׳הענגט דאָס ליבע לידעלע
אױף אַ טײַער צװײַגל.

אױף דעם צװײַט װי נאָר אין לופט
איז זיך עס פֿאַרשריבן,
פֿאַלט דער צװײַט, איז זײַן דופֿט
אין לידעלע פֿאַרבליבן.

װיגט זיך עס אַזױ מיט פֿרוכט,
נאַשט פֿון פֿאַרב און האַפֿטן;
דאָרט די פֿרוכט, נו איז זוכט
אין לידעלע די זאַפֿטן.

לעבט זיך עס אין בלעטער־קױש
ביז די טיפֿע האַרבסטן;
פֿאַלט דער בלאַט, בלײַבט זײַן רױש
באַם לידעלע אין האַרצן.

קומען פרעסט אף דער ערד
מיט די שנייַד־געצייַגן,
און ס׳איז עמעצן באשערט
זיך פעלן צווישן צווייַגן.

ס׳פעלט די צווייַג שוין, ברידערלעך,
ביימער דאָך ניט בענקען,
נאָר ס׳הענגט אלץ דאָס לידעלע,
מע זאָל זי געדענקען.

12 דעקאבער 1965

## דער פארקישעפטער טראָמפּייט

ווען אויסגעהויכט זײַן זעל האָט דער טראָמפּייטער,
האָט מען דערהערט א קלאנג א הארציק־שטילן —
ס׳האָט דער טראָמפּייט אליין גענומען שפּילן,
שוין מיט זײַן ליבן קלעזמער א צעשיידטער.

פון זײַן דעם שפּילמאנס אייביקער באגלייטער
האָט אויך דאָס מעש זײַן הארץ גענומען פילן,
צעגליט זיך, מיט קיין יאם ניט אָפּצוקילן,
קעדיי דעם מײַסטערס קאָל אין זיך פארלייטן.

פון דעמלט אָן, ווען הערצער זיך פארבענקען,
צעשפּילט זיך דער טראָמפּייט, רופט פארגעדענקען,
ווי שטיינדעלעך צעקושן זיך אין קוואלן,

ווי פרײַהײַטמענער צו דער צוקונפט שאלן,
און מיט דעם מײַסטערס קאָל די וועלט דערפרייט ער,
און נאָר אזוי באווײנט ער זײַן טראָמפּייטער.

1956

## דער דימענט־שלײַפער

אָט דער דימענט רופט מיך טאקע נאָר ווי מיט א שטים,
דעם טאטן מיט דער מאמען כ׳זאָל ארײַנלייגן אין אים,

ווי עפּעס א נעשאָמע וואָלט אין אים פארמויערט זײַן,
וואָס קען, כאָלילע, אויסגיין דאָרט אין פינצטערניש און פּײַן,

אויב כ׳וועל פון אים ניט אָפּשיילן די כוישעכדיקע הויט,
ווי בעלמעס ניט אראָפּשנײַדן די גרויקײַט און דעם קויט.

איך הער, ער רופט... „דו האָסט מיך אויסגעגראָבן פון דער ערד,
פארוואָס זשע האָסטו מיך צו לופט און ליכט ניט אומגעקערט?"

אים ראטעווען מיט זעגעלעך און פײַלעכלעך איך אײַל,
מיט פײַלעכלעך, מיט זעגעלעך איך שלײַף אים און איך פײַל,

און דארף ער שײַן, איז גיב איך אים אוועק די אויגן־שײַן,
און דארף ער לופט, איז אָטעם איך אין דימענט זיך ארײַן.

און אונטער שארפן פיל איך, אז סע טוט שוין ווי מײַן שטיין,
איז הייסט עס, אז געבוירן ווערט א לעבעדיק געביין.

אַט לויכט אַף אים דער ערשטער ראַנד — די ערשטע ריף אין גוף,
דער ערשטער שפּיץ איז ווי דער בליץ, וואָס רײַסט דעם וואָלקן אויף.

און הימלדיק ווערט יעדער פלאַך און פול מיט שטראַלן־לויף,
און אַלע ראַנדן קומען אינעם דימענט זיך צונויף.

און אָט־אָ גיסן איבער זיך באַ אים שוין אין זײַן פלאַם
די וועלדער מיט די לאָנקעלעך, די פעלדער מיטן יאַם.

און ווען סע טוט פון אים אַ שיס אַרויס אַ שטראַלן־סטויג —
איז פונקט ווי פון מײַן דימענט וואָלט אַרויסגעקוקט אַן אויג.

און וואַרעמער און היימישער און ריינער ווערט זײַן ליכט,
און, כ׳לעבן, אַז סע לויכט אין אים אַ מענטשלעך שוין געזיכט.

ווײַזט אויס, אַז ס׳איז מײַן דימענט יענער איידלשטיין, וואָס פלעפט,
דער צויבערשטיין, וואָס טאַקע נאָר אין מײַסעלעך זיך טרעפט.

אָט זיצט אין אים, ווי אין אַ שלאָס, געשליפן פון קרישטאָל,
אַליין די שיינע באַסמאַלקע, געפאַנגען פון אַמאָל.

די שטערן — אירע כיינפינטעלעך, דאָס אויג — לעוואָניק־גרויס,
ווײַל שוין פון לאַנג זי קוקט אַזוי די אויגן זיך אַרויס.

זי גייט דאָרט אויס פון בענקעניש, די שיינע, נאָך איר האַר,
זי קען ניט זײַן קיין גליקלעכע, ביז ס׳קערט זיך ניט איר גוואַר.

ווײַזט אויס, אַז ס׳איז מײַן דימענט יענער איידלשטיין, וואָס פלעפט,
דער צויבערשטיין, וואָס טאַקע נאָר אין מײַסעלעך זיך טרעפט.

ס׳איז אים גענוג אַ בעט צו טאָן, ווערט דײַן פאַרלאַנג דערהערט,
ס׳איז אים גענוג אַ גלעט צו טאָן, און אַלץ מעקויימעם ווערט.

איך בעט בא דיר, מײַן שטײנדעלע, קײן אויצער ניט, קײן נעס,
קײן װײַנען, קײן פּאַטראָװעס ניט (איך האַלט ניט פונעם פּרעס),

אפילו ניט די באָסמאַלקע, װאָס איז אַװאָדע שײן;
די באָסמאַלקע — די בענקעניש — זי זיצט אין מיר אַלײן

און מאַטערט פון קאַדמוינים מיך, איך װײס שױן ניט פון װען,
צו זען אַזױנס, װאָס כ'האָב דערװײַל ביז הײַנט נאָך ניט געזען.

כ'האָב שױן געזען דעם װילדן צאַר פון טרעבלינקע, פּאָנאַר,
דעם אױשװיץ־ און מײַדאַנעק־צאַר, דעם גזאַר פון באַבי־יאַר.

איז צײַט מיר װײַזן, שטײנדעלע, װי אױסגעלײזט, װי דרײסט
אַריבערװאַקסן יענעם צאַר זיך פּרוװט די הױכע טרײסט.

און כ'האָב מײַן אױסגעשלײַפטן דימענט דאָן אַ דרײ געטון,
מיט אַלע ראַנדן אױסגעדרײט איך האָב אים צו דער זון.

און אַט־אָ העלט אין אים אַ באַרג, אַ ריז שטײט אױפן באַרג,
און אױף אַ מאַנטל איז פאַר אים דער הימל אױבעט קאַרג,

און טײקעף איך דערפיל שױן נאָך זײַן שמײכלדיקן בליק,
אַז נאָר אין אים זיך אײגענען עס קען דאָס גאַנצע גליק.

און װי ער האָט צעעפנט נאָר זײַן פרײַ, זײַן שטאָלץ געמיט,
איז טױט ער זיך אין פּענעמער מיליאָנען אַ צעשיט.

און יעדער פּאָנעם איז געגנוג נעשאָמעדיק שױן רײַך
צו זײַן דאָס אײן־און־אײנציקע און זײַן מיט אַלע גלײַך.

און אָרעמס זײַנען אױסגעשטרעקט און בעטן: „ברודער, קום!"
און, װי די צװײַגן פון אײן בױם, זײ נעמען זיך אַרום,

און ווען זיי בילדן ברידערלעך און שוועסטערלעך איין קראנץ,
אַ־אָ! מײַן ליבער גיבער־גוואר איז ווידער אייביק גאנץ.

א דאנק, מײַן דימענט, וואָס דײַן פארב, דײַן ליכט האָט מיך געפאָלגט,
וואָס אופגעריכט באוויזן האָסטו מיר דאָס מענטשן־פאָלק,

די טײַערע באוויזן מיר אין טרייסטנדיקער שײַן
אזעלכע, ווי זיי זײַנען שוין און ווי זיי דארפן זײַן.

אף יענעם, וואָס דער גוטער שוואך אים גייט א לעבן נאָך,
איז זאָגט מען: „אָט דער מענטש — ער איז א גוטער דימענט דאָך“.

און ווען איך קוק ארײַן אין דיר, דערזע איך, איידלשטיין,
דער דימענט פונעם מײַסעלע איז דאָך דאָס פאָלק אליין.

אָ, איך האָב, שלײַפנדיק דעם שטיין, ניט זיך, נאָר אײַך געמיינט,
כ׳האָב, ליבע, אײַך אין אים באכיינט, נאָר אײַך אין אים באשיינט.

מײַן דימענט האָב איך אויסגעדרייט אזוי דאָך צו דער זון,
אז ריין אײַער נעשאָמע זאָל אין אים א פינקל טון.

און אָט — ער שפילט מיט אײַער זעל, און זין, און אויג, און שטים,
דעם טאטן מיט דער מאמען כ׳האָב ארײַנגעלייגט אין אים.

1965

# דער גאָלדענער בוים

ש. האלקינען

מײַן ליבער דעמב וועט אין דעם וואלד ניט פאלן,
דער טויִקער געוויטער איז זײַן אָטעם,
איך קום צו אים ניט קילן זיך אין שאָטן,
נאָר אז זײַן גרויסע ליכט זאָל מיך באפאלן.

וואָס מער ער גיט אוועק פון זיך די שטראלן,
אלץ פולער ווערט זײַן קרוין מיט גאָלד באשאָטן,
די באָדן־שווארצקײַט ווערט ווי אויסגעזאָטן,
ס'איז דורכזיכטיק זײַן גרונט, מע זעט די קוואלן,

מע זעט, ווי וואָרצלען שליסן אויף די היילן,
ווו אויצרעס ווארטן — זאלצן, האפטן, שטאָפן,
און טיפער דאָרט, ווו ליבע נעמט זיך שיילן,

האָט מיט דעם הארץ דער זינען זיך געטראָפן —
דאָ איז דער גוול, דאָ לויכט אין זאפט די זערע,
ניטאָ קיין גוול נאָר צו דײַן גוטער פײַרע.

1956

## דאָס יאמען־מיידל

א ראָמאנטישע מײַסע־ליד

אין טאָג, ווען הארץ פארברענט זײַן לעצטן האפן,
ווען ס׳האָט דער הימל בליציק אָפּגעבריט דעם יאם,
האָט גרויזאם־גוט דײַן יענע שיינקײַט דיך באשאפן,
וואָס איז טערפּקע ווי די האָניק־ליבע אף דעם טאם.

ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערקענט דיך, יאמען־מיידל,
האָט מיר געדוכט, דו לעבסט שוין לאנג בא מיר אין הארצן טיף,
האָסט, ווי א וואסער־ליליע, פארנייגט זיך איידל,
א קוש צו טאָן די דעק די אײַזערנע פון שיף.

אזא מין לײַב האָט נאָר געקענט די כוואליע טאָקן,
געלייגט די זון האָט נאָר אזעלכע וויִעס אף דײַן בליק,
און ס׳האָט יענץ גאָלדן פישעלע געשטעקט אין דײַנע לאָקן,
וואָס קען אי קומען אי אוועקשווימען ווי גליק.

ס׳איז אף דײַן האלדז א בלויער מויערקאָפּ געהאנגען,
ווי א קאמייע, ווו דער יאם דער סוידעספולער רעדט,
אז לעבן דיר איז נאָך קיין שיף דאָ ניט אונטערגעגאנגען,
אז לעבן דיר דער בײַסנדיקער שטורעם גלעט,

און אז לעם דיר באקומט דער אכטפוס א נעשאָמע,
און ווי א טויב נעמט וואָרקען אויך דער ווילדסטער ריף.
דיך, ווי א וואסער־ליליע, געזען כ׳האָב שטראָמען
מיט צארטקייט אף דער דעק דער אייזערנער פון שיף.

כאָטש ס׳איז די שיף געווען פארשלאָסן ווי אף שלעסער,
איין דימענט־פאנצער איז די מאנשאפט איר געווען,
די מאסטביימער — איין שפיז, די אונטערדעק — איין מעסער,
נאָר האָסט געגלייבט, זי וועט דיך נאָך אמאָל דערזען.

האָסט ווי דער פלוס זיך אונטער בערשט פון די מאטראָסן
געגאָסן, שוימענדיק, מיט זיך צו זויבערן דעם דיל,
און ווען האָסט זעליק זיך געהוידעט אף די טראָסן,
האָסטו אף זיי, ווי אפן יאם־אָרגל, געשפילט.

מיט האָר געשייערט האָסט די מעשענע פארענטשן,
זיך דורכגעטראָגן ווי א טויזנק־אויסגעשטרעקטע בלום,
אז אָטעמען מיט דיר און דופטן זאָלן מענטשן,
נאָר דו געיילט האָסט אָטעמען מיט קויל אין טריום.

געיילט האָסט אים, דיין קעסלהייצער, איינצוראָמען,
אז איר אינצוויי נאָר ברענגען קענט דער וועלט דאָס גליק,
אז פון די יאמען־טהאָמען, פון די פייער־טהאָמען
בויט די ליבע צו דער אייביקייט א בריק.

נאָר צוליב אים מ׳האָט דיך געזען אדורכבלענדן,
אין יענעם טריפנדיקן יאם־קלייד אָנגעטון,
ווי א מין שטערן־פאס פארגארטלט דיינע לענדן
און ווי עס וויגט אין פאָדעלעק פון קלייד דער ווינט די זון.

נאָר צוליב אים מיט גאנצע לאָנקעס רויזן־קוסטן
אף דיינע פלייצעס — דורכגעפלויגן ביסט פאר זיי,

געדריקט צו שיפסלײַט, ווי די הענגלעך טרויבן, דײַנע ברוסטן
און דורכגעפינקלט ווי לעוואָנע אף דעם שניי.

ס'האָט אף דײַן האלדז דער מויערקאָפּ מיט קישעף־גלאָקן
פון הארץ און כוואליעס זיי די בענקשאפט אײַנגערוימט,
און ס'האָט יענץ פישעלע, וואָס שטעקט אין דײַנע לאָקן,
פאר זיי געמינעט זיך מיט לעבן און מיט טרוים.

ס'האָט די סירענע ניט געקענט דײַן רוף פארהילכן,
און ניט צעפרעסן האָט דער רויך דײַן דופט פון הויט,
זאָל זײַן, ביסט אופגענערט געווען אף פויגל־מילכן,
נאָר ס'האָט דײַן לײַב געברוינט זיך, שמעקנדיק, ווי ברויט.

פאר זיי, וואָס האָבן זיך באווערט מיט לינזן־רערן,
מיט עכאלאָט, סעקסטאנט, באראָמעטער, אנטען
און אויסגעמאָסטן אלע שטורעמס, אָפּגרונטן און שטערן,
ביסט נאָר א נאריש באָבע־מײַסעלע געווען,

נאָר זיי, וואָס ניט געוואָלט פון דיר עס האָבן הערן,
פארגעסן האָבן, וואָס עס איז שוין לאנג באוווסט,
אז אויסגעמאָסטן איז נאָך ניט דער מינדסטער שטערן,
וואָס הענגט אף מענטשלעכער נעשאָמע אין דער ברוסט,

און אָנגעהויבן האָט אויך זיי זיך אָפּט צו דוכטן,
אז ס'לייגט באם האָריזאָנט פארזשמורעט זיך אוועק
די הימל־וויִע צו דער יאמען־וויִע אין פארנאכטן
און צווישן בלויט זיך, ווי דײַן בליק, פאר זיי א ברעג.

און אויך דעם קעסלהייצער דוכטן האָט גענומען,
ווי נאָר ער פלעג זיך צו זײַן אויוון טאָן א קער,
אז ס'פישעלע, וואָס האלט די האָר דײַנע אין קעמען,
שווימט א גאָלדנס דורכן פײַער, ווי א טרער.

דאן האָט דער קאַפּיטאַן פאַרוועדט די יאַמלײַט טרוימען,
און ער ווי אײַזן, וואַכנדיק, האָט קאַלט געטראַכט,
אַז דיך איז, ווי דעם שוים, פון שיף אַראָפּצושוימען,
און האָט באַפוילן, זאָלסט ניט זײַן אָט דאָ געדאַכט.

אים אויסגעזען האָט דאָך פאַרפּיוֹרעריש, פאַרדעכטיק
פאַר זײַן מיט אײַזן גראַד־געצייכנטן מאַרשרוט,
וואָס ס׳גיסט דײַן כוואַליע־לײַב זיך איבער אַזוי פּרעכטיק,
וואָס רעגנבויגנדיק אין דיר עס איז דײַן בלוט,

וואָס דײַן געביין איז אויסגעקלעפּט פון מושלען ראָזע
(פון יענע, וואָס דער יאַם צעוואָרפט, בעשאָס ער בליט),
האָסט אויך פאַר לײַט זיי צאַרט צעשיט ווי אַ מימאָזע,
האָסט זיי ווי בלעטעלעך צעשענקט פון עפּלצוויט;

פון יעדער מושל האָט געקוקט אַן אַנדער טרערל —
אַן אַנדער אומעט, אַנדער פרייד און אַנדער רוף,
אין יעדן מושל האָט געשפּילט אַן אַנדער פּערל —
אַזויפיל, וויפל בענקשאַפטן אין גוף.

און נאָר דײַן קעסלהייצער האָסט אוועקגעגעבן
דעם מויערקאַפּ, וואָס איז געהאַנגען אויף דײַן האַלדז,
אוועקגעשענקט האָסט עפּעס מער אים פון דײַן לעבן —
דעם איידלשטיין, וואָס אויף זײַן ראַנד זיך ענדיקט אַלץ.

נאָר ס׳האָט דער יונג געמיינט, געקומען ביסט אים שטערן,
דײַן גאָב פאַרשלײַדערט אינעם פלאַם, ווי גראָז פאַרדאַרטס,
אָך, ס׳האָט אין מויערקאַפּ געהעלט דער גרעסטער פּערל,
אין יענעם מויערקאַפּ געבלוטיקט האָט דײַן האַרץ,

און ס׳האָבן אים דערפאַר קיין פלאַמען ניט געשראָקן,
נאָר ווען ער האָט אַליין צעריסן זיך אויף שטיק,

איז דאַן אַוועק יענץ פֿישעלע פֿון דײַנע לאָקן,
וואָס קען אי קומען אי אַוועקשווימען ווי גליק.

און באַלד נאָך דעם ביסט פֿאַרן יונג ווי ניט געסטײַעט,
ס'האָט אַזאַ נאָגעניש אַ זויף געטאָן זײַן האַרץ,
ווי אויסגערונען וואָלט מיט דיר זײַן גאַנצע פֿרײַהײַט,
ווי ס'וואָלט די שיף געפֿירט דעם גאַנצן טרויער פֿון אַ האַרבסט.

און אויפֿן מאַסטבוים האָבן אָפּגעוועלקט, ווי בעזן,
די הימל־בלויקײַטן, פֿון זינט דו ביסט אַוועק,
נאָר צו דײַן ליבן ביסט נאָך נענטער דאָ ניט געוועזן,
ווײַל דו אַרומגענומען האָסט מיט זיך די אונטערדעק.

דיר דורכגעבויערט האָט די רודער־שרויף די ביינער,
ס'איז מעסערדיק אויף דיר די אונטערדעק געגאַן,
נאָר דיר געדוכט האָט, אַז דאָס אָרעמט דיך דײַן שיינער,
ס'איז אַזוי טערפּקע דאָך די האָניק־ליבע אויפֿן טאַם.

און ס'איז די שיף אויף דיר געגאַן, איר זעליק וואָפֿן
ביסטו געווען אַנטקעגן בייז, סאַקאַנעס, שלעק.
מיט וועלכע שטורעמס ס'זאָל ניט זײַן פֿאַרוויט אַוועלכער האַפֿן,
וועסטו די ערשטע זײַן, כאַטש וווּנדיק, אויף דעם ברעג.

נאָר ניט מיט ווונדן וועסט באַגריסן אים — מיט רויזן,
דערזען דער יונג וועט דאַן, צערודערט און אַנציקט,
אַז ווידער שטעקט יענץ פֿישעלע אין דײַנע קרויזן,
וואָס קען אַוועקשווימען און קערן זיך, ווי גליק.

און שוין מיט מעסערס אויף דײַן רוקן דורכגעפֿאָרן,
פֿאַרשטיין ער וועט דאַן, אַז דײַן שיינקײַט איז ניט סטאַם,
אַז אויסגעטריקנט וואָלט זײַן האַרץ אָן דיר געוואָרן,
און אויסגעטריקנט וואָלט פֿאַר אַלעמען דער יאַם.

1960

## דער רעגנטראָפּן

ס׳ווייסט מײַן האַרץ, פאַרוואָס דער רעגנטראָפּן ציטערט.
ער איז דורכגעגאַנגען פײַער און געוויטער,

דורכגעגאַנגען, שיִר צום טײַך שוין ניט דערגאַנגען,
נאָר געבליבן אויף א ווערבע אויפגעהאַנגען.

שווער איז הענגען אין דער שטילקייט און זיך שטיקן,
אַז דאָ נאָענט רוישט זײַן טײַך מיט וויפל גליקן,

ווען ער קען אַליין זיך אויפשפּאַלטן די הויטן,
וואָלט ער דאַן זיך אויסרײַסן פון אַלע טויטן,

וואָלט ער גיין דאַן מיט זײַן ליבן טײַך צוזאַמען,
וואָלט ער ווידער זײַן דאָס קערנדל פון יאַמען.

נאָר זײַן קראַפט פון אינעווייניק איז צו ווייניק,
ער זאָל געבן מיט זײַן שטראָם זיך א פאַרייניק.

מוז ער וואַרטן אויף אַן אָטעם אויף א צאַרטן,
און ניט גרינג איז אפן גוטן ווינט צו וואַרטן,

שווער צו וואַרטן איז דעם טראָפּן און צו הענגען,
ביז דער ווינט וועט צו א ברעג אַמאָל אים ברענגען.

ווייַל ביז עפּעס — נעמען שטראַלן פון אים פייַלן
צירונג, שפּילצייַג, נאָר די וועלט אף צו פאַרווייַלן.

איז דער טראָפּן דאָך פאַר יאַם און ערד א קערן,
ווייל דער קערן דען נאָר פאַלשע צירונג ווערן?

זייַן אן אוירינגל באַם בלאַט — איין רעגע העלן,
זייַן א קרעל נאָר אף א צווייַג — און באַלד זיך פעלן,

צי דאָס שפּיגעלע, וואָס בייַט און בייַט געזיכטער,
צי דאָס לעמפּל נאָר, וואָס ברענט מיט פרעמדע ליכטער?

ווּעסט מיט רויק אוועק און קיינעם ליכט ניט שיקן,
ווּעסט צעטייַען זיך און קיינעם ניט דערקוויקן.

זע, אין טראָפּן, דוכט, א פישעלע זיך מינעט,
ס'וועט א שטראַל עס מיט דער ווענטקע באַלד געפינען.

שוין צו העל אין טראָפּן פיבערן די פאַרבן,
ווי באַם פיש, וואָס הענגט אין לופטן, ערעוו שטאַרבן.

קום, מייַן אָטעם, ראַטעווען דעם טראָפּן רעגן,
זאָל דער גוטער ווינט אַרויסגיין אים אנטקעגן.

ס'טאָר דער טראָפּן דאָך ניט אויסגעטריקנט ווערן,
ס'וויל דער טראָפּן צו זייַן גרויסן שטראָם זיך קערן,

ער איז דורכגעגאַנגען פייַער און געוויטער,
עפּשער איז אויך דורך מייַן הארץ געגאַן זייַן ציטער?

1956

## פאַרוואַנדלונג

דער הימל — אַ ווייכער, אַ וואַרעמער — ער איז דאָך נאָר בלויע וואָל,
די גראָזן — שטילע, געקרײַזלטע — נאָר שעפּעלעך גרינע אין טאָל,
דער ווינט, וואָס ער טרײַבט אױף דער פּאַשע זיי, — אַ פּאַסטעכל נאָר, אַ קינד.
און איך בין נאָר דאָס סאָפּילקעלע אין ליפּן פֿון אָט דעם ווינט.

מיט אָפֿענעם מויל און אויערן, מיט נאָזלעכער, אויגן — צעפּראַלט —
אַזאַ מין איז דאָס סאָפּילקעלע, וואָס גיסט זיך, צעפּליסט זיך און שאַלט,
און וויל אין איין ליד אַ פֿאַרצויבערטער פֿאַרוואַנדלען הימל און ערד,
זיי זאָלן פֿון אַשמעדײַ־אופּרײַסן מיר קיינמאָל ניט ווערן צעשטערט.

1965

## דער פארגעסענער קלאַנג

כ׳האָב פארגעסן א קלאַנג, דער פארגעסענער מאטערט מײַן זינען,
דער נעשאָמע טוט באנק, אז זי קען זיך קיין אָרט ניט געפינען,

און איך ווייס, ס׳איז ניטאָ אין דער וועלט יענע קלעזמערשע קיילע,
וואָס זי קען מיט איר שפּיל פּונקט זײַן שיינקײַט מיר איבערדערציילן.

און צו וועמען זאָל איך זיך איצט ווענדן און קערן און מאָנען?
עפשער וועט אין דעם קלאַנג אין אָט יענעם מיך ווידער דערמאָנען

דער קנאָספּ, וואָס פון צוויט אזא איבערגעפולטער נעמט פּלאצן,
צי דער ווינט אפן יאם, צי דער רעגן אף בלעטערשע טאצן,

צי דער קוש, וואָס ער האלט די פּיר זאפטיקע ליפּן אין ציִען,
אף צו בילדן די בלום, אז די מענטשלעכע ליבע זאָל בליִען,

צי דאָס צווייִק געשריי, ווו אין פּײַן ווערט די פרייד אופגעיוירן,
פון דער פרוי, וואָס געבירט, פון דעם נעפעש, וואָס ווערט שוין געבוירן,

צי דאָס יובלדיק פאָלק, וואָס אין זיג אויך מיט טרויער באדאכטן
עס באוויינט זײַנע זין, די געפאלענע העלדיש אין שלאכטן,

צי דער קרעבץ פארן סאָף, צי דער יויכץ, ווען מע קערט זיך צום לעבן,
צי די מי, וואָס ס׳איז איר אלע גאָלדענע קעלער געגעבן.

אויב ניטאָ איז דער קלאנג נישט בא איינעם פון זיי, נישט בא קיינעם,
איז מייַן שטראָף, כ׳זאָל ביז טויט אים דאָ זוכן בא אלע איניינעם.

1963

## באַלמעלאַכישער קאַנט

דעם טאַטנס אָנדענק

מײַן באַלמעלאַכישער, אוי, ליבער קאַנט,
פאַרמאָגסט אָט יענעם גילדענעם געוואַנט,
וואָס נאָר פון אים איז גוט אַרומצוזוימען
די מענטשן־זעל מיט ליבלעכסטע פון טרוימען.

דאָרט קען דאָס שנײַדער־לידעלע פאַרנייען
דאָך אויך אַ האַרץ, וואָס האָט צעריסן זיך אויף צווייען.

אָ, שנײַדערלעך, מיט זינגענדיקע זאָרגן
איר נייט דאָס בלויע בעגעדל פאַר דעם פרימאָרגן,
איר לייגט אויף דעם אַ קאָלנער זילבער־אַשיק,
געמאַכט פון ווייכע וואָלקנדלעך, ווי פון באַראַשעק,
ס'זאָל דאָרטן וואַרעם זײַן דעם ראָזן לײַב פון דעם באַגינען,
נו, שפּיליע אויף די טויען־קנעפּ פון גינען,
וועסט דאָרט דאָס ליכטיקסטע געמיט, מײַן פרײַנט, געפינען

מײַן באַלמעלאַכישער, אוי, מילדער קאַנט,
פאַרמאָגסט דאָך יענעם ערדישן געוואַנט,

פון וועלכן ס׳ציִען אויס זיך ווילדע וועגן,
וואָס גייען, דוכט, אליין דעם מענטש אנטקעגן.

דאָרט איז גוטווינטשנדיק, ווי גלײַך דער מאמעס בריוול,
דאָס שוסטער־מײַסעלע פון יענעם וווּנדער־שטיוול,
וואָס איז א מין אנטיקל פון אנטיקן,
וואָס שפּאנט אליין אריבער טהאָמען גאָר אָן בריקן,
דו טוסט אים אָן, פארפירט ער דיך אין יאם פון גליקן.

אָ, שוסטערלעך איר שלאָפלאָזע, פון פּראכטן
איר קלאַפּט, ווײַזט אויס, צונויף דאָרט די באנאכטן
מיט שטערן־צוועקעלעך, און פון לעוואָנע־שטראלן
איר שנורעוועט אזעלכע בליציקע סאנדאלן,
וואָס נאָר מיט זיי, ביז אָנהייבן ס׳וועט טאָגן,
קען א פארליבטע פּאָר איר יוגנט־גליק דעריאָגן.

מײַן באלמעלאָכישער, אוי, סימכע־קאנט,
פארמאָגסט אָט יענעם בלומיקן געוואנט,
אז א קאפּאָרע, כ׳לעבן, אלע פײַנע זײַדן,
ווײַל נאָר פון אים איז דאָך די שיינקײַט צוצושנײַדן.

דאָרט מאכן ווײַנגערטנער אזעלכע גרינע גלעזער
פון הײלונגס־קרײַטעכצער, פון בלעטעלעך און גרעזער
און טריפן אָן אין זיי אזעלכע זונען־ווײַנען,
אז ווער ס׳ע טרינקט פון זיי, אָט דעם הייבט אָן צו שײַנען,
אז ס׳איז פון טוייִק־בעכערדיקע בלומען
אליין די שיינע מאלקע־שוואָ ארויסגעשוווּמען
מיט צעפּ, ווי סנאָפּעס, אויסגעפלאָכטענע פון הארבסטן,
מיט עפּל־ברוסטן, נאָר פארשטעלט מיט רויטקײַט פונעם הארצן.
מיט אויגן, ווי געשמאק פארברוינטע קערנער;
נו, האָב ניט מוירע, ס׳איז די מאלקע ניט מיט הערנער,

זי קומט פאַרבעטן נאָר זיך קושן, פרייען, לאַכן
און נאָך אַף אַט אַזעלכע זיבן גוטע זאַכן.

מײַן באַלמעלאָכישער, אוי, מאַלכעס־קאַנט,
פאַרמאָגסט אַט יענעם האַרציקן געוואַנט,
וואָס איז אַוואַדע מוטערלעך ניט אָרעם
צו ברענגען דיכטער, טענצערנס, קלעזמאָרים.

אַז ס׳פּלעגן עליע און זײַן פּלייט זיך דאָרט פאַרגייען,
איז ווי פאַרווייען וואָלטן זיי אַ סאָד מיט סאָלאָווייען
אין דער נעשאָמע אײַך, אַז ס׳זאָל דאָס האַרץ זיך פרייען;
איז עפּשער וואָלט איר אופשטיין איצט אינצווייען
אַף מיט דער שפּיל, וואָס האָט געקענט אַ טויטן רירן, —
מיט אײַער שפּיל צוריק פון גרוב אַרויסצופירן
די ליבע, טײַערע, וואָס היטלער האָט פאַרדאָרבן.
אַ לעבעדיק באַגראָבענער איז דאָך ניט אָפּגעשטאָרבן.
און צי מיט דיר האָט ער געקענט דען אויך באַגראָבן,
אוי, עליע־ברודערל, דײַן שוועסטערקע — דײַן פלייטל,
דײַן דוינע־פּאַסטעכקע מיט העלדזעלע פון פעלדער־קוויטל?
אין קאַנטן אונדזערע איז אויך די שטילקייט אַ סאָפּילקע,
אין קאַנטן אונדזערע נאָך לעבט דײַן ניגן־מילדקייט,
ער לעבט, דײַן ניגן, נאָך, ער אָטעמט נאָך מיט לידער,
ווי ס׳וואָלט דער אָטעם דער פאַרשאָטענער פון שוועסטער, ברידער
זיך אומגעקערט מיט אים צו לעבן ווידער.

מײַן באַלמעלאָכישער, אוי, מענטשן־קאַנט,
דו האָסט אַ קישעפמאַכערישע האַנט,
דו האָסט דעם סאַמע שטאַרקסטן פון געוואַנט,
וואָס נאָר פון אים איז טאַקע אויסצוּוועבן
דאָס עמעס־מײַסעלע פון אונדזער אייביק לעבן.

20 דעקאַבער 1961

## מײַן טאטנס צוואָע

דאָס שוסטער־בענקעלע בענקט נאָך מײַן טאטן,
א קײַלעכיקס שטייט עס, ווי זײַנע מעסלעסן,
וואָס ער איז א לעבן אף דעם אָפּגעזעסן,
בענקט עס, דאָס בענקעלע, נאָך זײַן ווארשטאטל.

און ביז הײַנט ניט פארדעקט ליגן אלץ די מאכשירים,
ווי די ערד וואָלט נאָך אלץ ניט פארדעקט זייער טרײַען.
און אָט וועט ער זיך קערן, ווײַל ווי קען ער זיך הײַען.
און א מאך טאָן צו זיי: „צו דער ארבעט, באָכירים“.

און אזוי אל־האטוירע וועאל־האָאווידע,
ביז די האנט און דאָס הארץ און דאָס אויג זײַנען אָפּן.
און אז דאָס געצײַג זאָל די נעכט ניט פארשלאָפן,
טוט ער זיך מײַסעדיק־וויל א צעהוידע

און ער נעמט זיך דערציילן פון שיכלעך אזעלכע,
וואָס ווער ס'וועט זיי מאכן און זויכע זײַן טראָגן,
אָט יענעם וועט קיינמאָל דער טויט ניט דעריאָגן;
סע בלײַבט נאָר צו קריגן יענץ טײַערע פעלעכל...

אָט דער מײַסע־ייִד קען בא דער ארבעט ניט שווײַגן,
אים לויכט, אז אין מי, אינעם אַל, אין די זאָרגן
איז דאָך שטענדיק א שיינע געשיכטע פארבאָרגן;
און ער ציט זי ארויס מיט דער הילף פון געצײַגן,

און ער שלעפט זי פון מויל, ווי די פלעקלעך די ווײַסע,
מיט דער דראטווע, דורך גילדענעם וואקס דורכגעצויגן,
מיט די שטראלן פון בלוי־אָנגעצונדענע אויגן
ער פלעכט דורך די נעכט זײַנע פּרעכטיקע מײַסעס.

און עס דאכט, אף זײַן קעסטלדיק־קאנטיקן שטערן
דער זאָרג־קנייטש צעעפנט זיך שטיל, ווי א טירל,
און געשיכטעס זיך ציִען אין א פּערלדיק שנירל;
איז זײַן שוויס דען פאר פּערלען אָט די נישט דער קערן?

און מיר גלייבט זיך, איך זע נאָך זײַן וואָרט, וואָס האָט פארבן,
און, ווי מײַסעלעך בלויע, זײַנע אויגן מיר ריידן,
זיי קענען נאָך אלץ מיט דער ליכט זיך ניט שיידן,
ווײַל מײַסעלעך גוטע — זיי קענען דען שטארבן?

און אף זון און לעוואָנע פארפאָרן מעסלעסן,
אף אָט די צווי רעדער פארקײַקלען זיך יאָרן,
נאָר מײַן טאטן עס קען דאָס געצײַג ניט פארגעסן,
נאָר מײַן טאטע ליגט אלץ דעם ווארשטאט אין זיקאָרן,

און ווען זיי פארבענקען אין אָוונט זיך עלנט
נאָך אים, וואָס איז נעענטער זיי פון א ברודער,
זיי גיבן א וואָרף זיך פון שלאָף ווי צערודערט
און ווערן אליין פון זײַן מײַסע די העלדן,

און א שוועב גיט די דראטווע אין לופט, ווי א סטענגע,
און די פלעקלעך — א לויכט, ווי לעוואָניקע שטראלן,
מיטן קאָפּ איז דער האמער צו מי צוגעפאלן,
צי א צוואָק, צי דעם טרוים פונעם הארץ רײַסט די צווענגע.

און זיי מיִען אצינד זיך, עס דוכט, מיט האנאָע
יענע שיכלעך צו מאכן, וואָס ווער ס׳וועט זיי טראָגן,
אָט דעם וועט שוין קיינמאָל דער טויט ניט דעריאָגן,
ווי געלאָזט וואָלט מײַן טאטע זיי אזא מין צאוואָע.

1962

## מײַן טאַטנס ליב מײַסעלע

ס'טוט דער טאַטע ווי זײַן שטייגער זיך א הוידע,
ווי ער וואָלט איצט זײַן נעשאָמע טיף צעוויגן,
און ווען די אויגן האָבן זיך שוין דורכגעסוידעט,
הייבט ער אָן ערשט דאן דערציילן מיט א ניגן:

„ס'האָט געלעבט אמאָל א טײַערע פרינצעסן,
גיט זי נאָר א קוק אף דיר, נו, אויגנבליקלעך,
איז גענוג, זאָלסט אלע וויטעקן פארגעסן,
איז גענוג, זאָלסט ווערן יונג, און שיין, און גליקלעך.

איז פארקאָכט אין איר דער אוילעם און דער קעניג,
וויל מען, ס'זאָלן די כאכאָמים אייצעס געבן,
ווי צו מאכן איר די יאָרן אונטערטעניק,
וויאזוי צו שענקען איר דאָס אייביק לעבן.

קומט דער ענטפער: אז עס זאָל אף אירע הויטן
די שווארצכיינעוודיקע זוניקײַט ניט שטארבן,
דארף אליין די מאלקע אייביק זייען ברויטן,
דארף אליין די מאלקע אייביק בינדן גארבן.

אז איר שיינקייט זאָל די עלטער ניט פאַרשווענכן,
דאַרף זי שטענדיק אויף די גאַסן פּלאַנצן קווייטן,
אז איר יוגנט־שטאַלט עס זאָל זיך ניט צעברעכן,
זאָל די מאַלקע וואַסער טראָגן פאַר די בייטן.

און דעריקער: ס׳זאָל דער טויט זי ניט דעריאָגן,
ווי דאָס גייענדיקע וואַסער דאַרף זי ווערן,
ווי די ווינטעלעך איר אָטעם דאַרף זיך טראָגן,
יאָ, דעריקער, גיין און גיין ניט אופצוהערן.

איז דאָס לעצטע גאָר דעם אוילעם ניט געפעלן,
סטייטש, זי איז דאָך אויך ניט מער ווי א בענאָדעם,
ס׳מוז א מענטש דאָך האָבן רעכט זיך אָפּצושטעלן,
ס׳מוז א פרוי כאָטש איבערטאָן זיך אירע בגאָדים.

און אז ס׳גייט א רייד פון גיין, וואָס איז אוואדע
אויך א רייד פון פיס און שיך, פון מאָס און מוסטער
און אויך פון לאַנגן וועג, פון נאַווענאַד זיין,
איז ווענדעט מען זיך, ריישיס־כאָכמע, צו א שוסטער.

מאַכט ער: „ווער עס וויל די טייערע דערפרייען,
ווער עס קען נעשאָמעדיק די מאַלקע ליבן,
דער אָט ווייסט, מע דאַרף איר שיך אזעלכע נייען,
וואָס זיי ווערן קיינמאָל דאָ ניט אויסגעריבן.

ס׳זיינען דאָ דריי שעפּעלעך אויף וועלט דער גאָרער —
פעל און קאָפּיטקעס פון גאָלד — א פאַרגעניגן,
און די הערנער פון לעוואָנע זיינען קלאָרער,
מוז מען כאָטש איין שעפּעלע אזא מין קריגן.

וועלן מיר פון פעלעכל איר שיכלעך מאַכן,
און אָפּצאַסן — פון די קאָפּיטקעס, און קנעפּ — פון הערנער,

קנעפּ — דאָס איז דאָך אויך ניט פון די לעצטע זאכן,
קראפט זיי וועלן געבן איר ווי גוטע קערנער״.

נאָר ווען געבראכט מע האָט יענץ פעלעכל צו פירן,
האָט ער געזאָגט: „מע קען די שיכעלעך ניט נייען
פון שאָף געקוילעטער, דער מאלקעס בלוט וועט פרירן
און איר נעשאָמע וועט זיך אופהערן צו פרייען״,

נאָר מאכן מאכט ער, ווייל דער קעניג האָט באפוילן.
ווי נאָר זי טוט זיי אָן, איז נעמט זי עפּעס הערן,
סע קרעכצט דאָס שעפעלע ארויס ווי פון די זוילן,
און אָנגעהויבן האָט די מאלקע גראָוו צו ווערן.

איז דעם קעניג דאן געוואָרן גאָר ניט פריילעך,
מאכט דאָס שוסטערל צו אים דאן קעהיי־לישנאָ:
„די מעלאָכע מעלוכע איז, אדוינִי מיילעך,
ס׳איז זיך אייצען מיט א שוסטער אויך ניע לישניע.

הער, דאָס מעסער טאָר דאָס שעפעלע ניט שרעקן,
און דאָס פעלעכל, געדענק, איז זייער נייטיק,
ס׳זאָל קיין טראָפן בלוט, כאָלילע, עס ניט פלעקן,
און מע טאָר דאָס ניט באקומען דורך ווייטעק.

לאָזט אין הארבסט זיך צו דעם שעפעלע דעם צווייטן,
ווען די כיילעך אין וואלד שוין לינען נעמען,
ווען סע שיטן זיך שוין בלעטלעך אָפּ פון קווייטן,
טוט עס אויס אליין זיין פעלעכל פאר יענעם.

דעמלט וועלן מיר אין שיכלעך זי פארפּוצן,
און די שיכעלעך אזא מין וואונדער טוען,
אז דאָס אופשפּיליען נעמט אויך איר ברענגען נוצן —
כאָטש זי שפּאנט, נאָר אירע פיסעלעך דאן רוען״.

אלץ גייט ווויל, נאָר מ׳האָט די הערנערלעך פארגעסן,
און די קנעפּעלעך — זיי זײַנען שוין ניט יענע,
און אז אָנגעטאָן די שיכעלעך האָט די פּרינצעסן,
לאָזן זיי ניט רוען זי ווי גלײַך אין געגעם.

ערשט פון דער דריטער שאָף איז אלץ אווּעק קעשורע,
און אז די מאלקע קוקט אף אײַך, נו, אויגנבליקלעך,
איז דוכט ערשט איצט, אז זי איז פול מיט מילדער גוורע
און זי מאכט אזוי אײַך יונג, און שיין, און גליקלעך.

איז א סימכע, און דער אוילעם טאנצט אף גאסן,
נאָר דאָס שוסטערל זיך הוידעט אָנגעבויגן,
קוקט עפּעס אזוי פארקלערט אף די אָפּצאסן,
און א בענקעניש זיך בלויט אין זײַנע אויגן.

די פּרינצעסן, זאָגט ער, וועט ער אייביק ליבן,
נאָר אז שיכעלעך, וואָס זײַנען ריין ווי גינען,
ניט ווערן זאָלן דאָ, כאָלילע, אויסגעריבן,
דארף מען וועגן גאָלדענע דאָך ערשט געפינען.

1962

## באַלאַדע וועגן גײער און קוואַל

כ׳בין דער קוואַל, וואָס האָט דורך בערג די וועלן
אויסגעשאָסן אין דעם טאָג דעם העלן,
הער איך, ס׳אײַלט צו מיר א גרויסער גײער,
הער איך, ס׳קומט דער גיבער און דער זײער,
וואָס ער לעכצט, ווי פעלד פון היץ געצונדן,
ווי ער דאָרשט מיט מײַלער גאָר פון ווונדן,
לעקט דעם טוי, פונקט ווי די טאַמעד־שטראַלן.

אָט איז ער צום רײנסטן פון די קוואַלן
מיט דעם מויל פאַרכאַלעשט צוגעפאַלן.
ווי ער טרינקט נאָר אויס די ערשטע כוואַליע,
פילט ער, אז אין אים עס שלאָגן, הילכן
אומגעהײער קרעפטנדיקע מילכן,
קוויקן אים מיט אַלע זיבן טאַמען.

פלוצעם שפּאַלט זיך אויף דער וואַסער־שפּיגל,
זעט ער, ווי עס הוידעט זיך א וויגל,
איבער דעם געבויגן, זינגט זײַן מאַמע,
און איר ליד אַליין שוין נעמט אים וויגן,
און די מאַמע באָדט אים אין איר ניגן;
בינדט איין וועלט זיך אויס פון זײ, פוןביידן,
קען ער מיט דעם קוואַל זיך שוין ניט שיידן.

און באַנײַס איז ער צום קוואַל געפֿאַלן.
ווי ער טרינקט גאָר אויס די צווייטע כוואַליע,
שפּירט ער, ווי עס טאַנצט אין אים אַ קאָזעק,
שטאַרקער אויסגעשפּילטער ווימאָראָזעק
קלינגט אין אים, ווי אין אַ גאָלדן קריגל.

פּלוצעם שפּאַלט זיך אויף דער וואַסער־שפּיגל,
דופּטיק גיט אַ ווינטעלע אַ ווייע,
שווימט אַף בלויע האָר אַרויס אַ פֿייע,
אין אַ וואַסער־ליליע פֿאַרשלייערט,
און זי נעמט אַרום דעם יונג — דעם גייער,
רוימט אים אײַן אַ גוטן סאָד אַ שטילן:
„מענטש, איך וויל מיט דיר אַ ליבע שפּילן“.

און סע בינדן אָרעמס זיך, ווי קייטן,
און זיי טרענקען איינער זיך אין צווייטן,
ווייסט שוין אַף דער גאָרער וועלט ניט קיינער,
ווער דעם טרונק פֿון וועמען האָט געקריגן,
ווער פֿון זיי — דער גייער אָט דער שיינער
צי דער קוואַל גייט אויס פֿון פֿאַרגעניגן.

1958

## צום צערטלער פֿון לעבן

אואָלט אויִטמען,
מיט דײַן פּויעריש פּאָנעם, ווי א פעלד א צעאַקערטס,
מיט דער שוימיקער באָרד, ווי א יאַמישע כוואַליע,
אינעם אויג אין דײַן רעכטן זיך גילדעט א לײַב א פאַרבענקטער,
וואָס פּילט זיך בא דיר אונטער וויִעס, ווי גלײַך אונטער גראַטעס,
נאָר אינעם לינקן, וואָס איז דאָך ניט מער ווי א מולטערל טויען, —
דאָרט פּליוסקעט זיך נאַקעט א קינד,
א קינד — אואָלט אויִטמען.

עס טײַנען נאַראָנים אַן הערצער, אַן קעפּ, אָן דעם מאַרך אין די ביינער,
אז ביסט אף דײַן שוימיקער באָרד, ווי אף יאַמישער כוואַליע,
פאַרשוומען אין עלטער, אין גרויקײַט, אין דעמער.
נאָר וואָס ווייסן נאַראָנים אָן הערצער, אָן קעפּ, אָן דעם מאַרך אין די
ביינער?
ס'איז דײַן באָרד דאָך — א האָר צו א האָר און א יאָר צו א יאָר —
דער געוועב נאָר
פון זויבערער מאַרליע, וואָס האָט זיך פאַרקײַקלט און האָט זיך צעוויקלט,
קעדיי די פאַרוואונדעטע פרײַהײַט אף פרעריעס דײַנע פאַרבינדן,
קעדיי באַנדאַזשירן די בריִען אף לײַב און נעשאָמע
פון שיר ניט געלינטשטן, מיט ניסים אנטלאָפענעם
ברודער־נעגער.
ברודער, אואָלט אויִטמען!

א ליגן, אַז ס׳האָט זיך דײַן אויג דיר דאָס רעכטע פֿאַרשלאָסן.
פֿאַרקערט, ס׳איז פֿון דאָרט נאָר דער לײב צו דעם מידבר אַנטלאָפֿן,
אַזוי אויסצוגיסן זײַן בענקשאַפֿט אין זאַמדן,
אַז ס׳זאָלן זיך וואַרצלען און קוואַלן אין ליבע פֿאַרדרייען
און בילדן אײן שלאָגנדיק האַרץ אין דער ברוסט פֿון די גרונטן,
אײן האַרץ — אוואַלט אויִטמען.

איך ווייס, אַז דאָס מולטערל טוי פֿון דײַן אויג פֿונעם לינקן —
עס האָט זיך ניט איבערגעקערט, ניט אַנטרונען געוואָרן.
אַרויס איז פֿון דאָרטן נאָר פֿראָסט זיך דאָס קינד אין די גראָזן צו שפּילן,
און אַ קינד איז מיט גראָזן דאָך אײנס,
און עס אונטערצושיידן פֿון גרינסן
איז מעסוגל נאָר דער, וואָס קען קוקן אין זון און דאָרט לײענען די
צוקונפֿט.
ער וועט זען, ווי סע שפּראָצט שוין אַרויס מיט די הענטלעך און פֿיסלעך
פֿון דײַן פּויעריש פּאָנעם, ווי גלײַך פֿון אַ פֿעלד אַ צעאַקערטס,
אַ קינד, וואָס איז נאַקעט אַזוי ווי דײַן צאַרטקײַט,
דו גוטער צערטלער פֿון לעבן,
מוטער־מענטש אויִטמען.

1962

# דער אומקער פון מײַן נעשאָמע־מאַלקע

## 1. די שוואַלב אַף מײַן שויב

### פּרעליודיע

הימלדיק־צעדולט פּאַלט די שוואַלב צום פענצטער,
פּאַטשט מיט פליגלען און הענגט, ווי אַף מישקוילעס,
אַז אַ הילך טוט מײַן שויב אַף קוילע־קוילעס:
„נו, רייד זשע, מײַן גאָלדענע, זאָג, מײַן שענסטע,
פאַרוואָס איז דײַן מײַלעכל אופגעריסן
און וואָס דונערט אַזוי דײַן פרילינג־גוורע,
ניט אַנדערש, ווילסט געבן פון גליק צו וויסן,
ניט אַנדערש, אין שנאָבל דיר שטעקט די בסורע,
וואָס גרויס איז אַזוי, ווי דער לעבנס־קערן,
און לאָזט דיר דאָס מײַלעכל ניט פאַרמאַכן".
איך ווייס, אַז דו קענסט דאָך די זונען־שפּראַכן,
דײַן פלי גיט אַף בריוועלעך אָנצוהערן,
נאָר איצט איז דײַן האַלדז פאַראָטעמט, פאַרצויגן
מיט אײַנגעשלונגענע שטרעקעס און קראַכן,
פאַרהײַטלט מיט יאַם־ווײַט, וואָס ביסט פאַרפלויגן.
אַך, ווי דיר שפּרינגען פון קעפּל די אויגן,

גלײַך זריִע־קערנדלעך, ברױנלעכע, קאַרע,
און ס׳רױכלען שױן פֿליגלען אַרױס די כמאַרע
און טרײסלען אַרױס שױן דעם שטױב פֿון װינטן,
אַז טונקען אױף טאַפּליעס דו זאָלסט זײ אין גינען
פֿון מאָרגן־טױען — אין העלישע טינטן
און שרײַבן פֿאַר מיר מיט פֿעדערלעך דינע:
„נאַרעלע, ס׳איז שױן דײַן האַרץ ניט קײן אָװל!״
מײַן בליציקע שװאַלב, מײַן הימלשע קרױװע,
קלעפּסט אײַן זיך פֿאַר מיר אינעם פֿענצטער־טאָװל —
אַ גאָלדענע־בלױע לעשאָנעטױװע.
דו שפּרינגסט, װי דעם גינען אין גלאָז װאָלסט קנעטן
מיט נעגל, װאָס קלינגען איצט אָפּ מיט בראָנזע;
מיר דאַכט, אַז דו טאַנצסט גאָר מיט קאַסטאַניעטן
דעם טאַנץ פֿון דײַן הײם־קער נאָך לאַנגן בלאָנדזען.
אַ „קײַלעכיקס״ גײען אױגן צעפּעכלט,
און פֿליגלען פֿליעסקען אַלץ װילדער און האַרבער,
דער שנאָבל פּיקט אין מײַן שױב, װי אַ שפּאַרבער,
מאַשמאָעס, דו װילסט גאָר דאָס גלאָז צעברעכן,
אַ טאַפּליע אין ברוסט זיך אַרײַנצושטעלן,
כ׳זאָל זען, װאָס עס טוט זיך בײַ דיר אין העלן
און אָפּענעם האַרצן, װאָס איז ניט באַרעכנט.
אױ, ניטע, װי מעג מען דען פֿרײד פֿאַרשטערן,
אױ, ניטע, דײַן סימכע קומט דען צעברעכן,
שפּליטערס דערמאָנען אין בראָך, אין צעשטערן,
שפּליטערס פֿאַרמאָגן די שאַרפֿקײַט פֿון טרערן —
און דען צוליב דעם איז דײַן פֿרילינג־גװורע,
עס טאָר דאָך קײן װײ ניט פֿלעקן דײַן בסורע,
דערטראָג זשע מיר זױבער איר לעבנס־קערן.

## 2. אומקער

### הימן

א ווארע, א ווארע, א בויך־בעשאָלעם
מאכט איר, וועלדער, זון און באלקעס,
סע נידערט פון בערג מײַן נעשאָמע־מאלקע,
איר שטאלט האָט דעם ערדישן בוים זיך געכאָלעמט.

זי טראָגט אפן קאָפּ א קרוג מיט געטראנקען,
דאָרט שפּילט דער קוואל דער קאסטאליער פון לידער,
דער קאלך — פאר ביינער, דאָס פײַער — פאר גלידער,
דער ברויז און די ליכט און דאָס זאלץ — פאר געדאנקען.

איז לאָמיר די הערצער, ווי גלעזער, איר געבן,
פון קוואל אירן טרינקען פאר איר א לעכאַיִם,
זי וועט דאָן באצאָלן אונדז קייפל־קיפלאַיִם,
אונדז שענקען בעעמעס דאָס אייביקע לעבן.

שיין איז מײַן מאלקע, שיין איז מײַן שלאנקע,
אין כיינגריבלעך אירע פארפלאנצט זײַנען קווייטן,
אף צעפּ אירע, פונקט ווי אף גאָלדענע קייטן,
איז פריילינג און יוגנט אף שטענדיק פאראנקערט.

זי שפּאנט מיט די באָרוועסע פיס איבער שטויבן,
מיט נאקעטן הארצן, מיט אָרעם מיט הוילן,
צי דארף זי פארדעקן, צי דארף זי פארהוילן,
אז אָנטאָן זי קומט אונדז אין ליבע, אין גלויבן.

צום טײַוול, אסקעטן־סקעלעטן און פריסטער,
געליימטע נעזירים און בלײַענער סאָריס,

מיט אײַך ניט צו שלאָגן איז אויך קיין קאפּאָרעס,
ווײַל וואָס איז פון אײַך דאָ נאָך פּוסטער און וויסטער,

ווײַל וואָס איז פאר אײַך דען פון ליבע נאָך טרייפער?
מײַן מאלקע — זי קומט זיך אף שמייכלען צעשענקען
פאר אלע, וואָס יובלען און בלוטן און בענקען,
מע דארף ניט קיין קינע, מע דארף ניט קיין אייפער, —

נאָר קרענץ פון דער פרײַנטשאפט, געפלאָכטן אף מויכעס,
נאָר טענץ, וואָס צעאקערן רויערד פאר בלומען.
א ווארע! מײַן מאלקע צו מיר איז געקומען,
א ווארע פאר מענטשלעכע מארכיקע קויכעס!

איר קרוג איז דאָך פול מיט דעם קוואל פון קאסטאליען,
איז טרינקט, איר זאָלט דאָרשטן נאָך גוטס און נאָך פרײַהײַט;
אָט וועל איך פאר פרייד ארום איר זיך צעטײַען,
און ס׳וועט זיך מײַן לײַב, ווי א קלייד, אף איר כוואליען.

## 3. מײַן נעשאָמע־מאלקע און איר קריגעלע

### א מײַסעלע

געגאן איז מײַן מאלקע אף בערג צו די קוואלן,
געפינט זי א פעלדז, ווי א בעכער געשליפן.
ווי נאָר זי פארשעפּט דאָרט פון גאָלדענע טיפן,
דערטראָגט זיך פון קרוג א מין קאָל, א מין שאלן:

„אָ, ווער כאָטש א טראָפּן פון מיר ס׳וועט געניסן,
אָט דער וועט דאָס הארץ פונעם לעבן דערהערן,
פון אייביק ביז אייביק זײַן יוגנט וועט ווערן,
נאָר ווײ איז צו דעם, וואָס ער וועט מיך צעגיסן“.

געווײַלט האָט מײַן מאלקע, געווײַלט אַף צו ליבן,
ספּאָטיקעט מײַן שלאנקע זיך האָט אין א דאָרן,
און ווי ס׳איז דאָס וואסער צעגאָסן געוואָרן,
איז ליגן מײַן מאלקע פארשטיינערט געבליבן.

געיאָגט האָט דער אוילעם אַף כידעש צום היגל:
— ווי מאָדנע דערמאָנט האָט די מאטעווע סקאלע
אין עפּעס א שרעקלעך פארכאלעשטער קאלע,
נאָר גיי און דערמונטער, אז פּוסט איז דאָס קריגל.

צו דיר כ׳בין געלאָפן ניט פּראווען אוויילעס,
ניט זען דיך געפאלן, ניט זען דיך פארשטיינערט;
א שלײַדער געטאָן כ׳האָב אַף דיר מײַנע ביינער,
מײַן עמערל בלוט זאָל פארפולן דײַן קיילע.

נאָר האָסט ניט געוואָלט דאָך קיין בלוט און קיין טרערן,
און כ׳האָב דאן פארשטאנען, אויב שיינקײַט איז גלויבן,
אויב ליים־בערג דערטראָגן דעם זאפט צו די טרויבן,
מוז ווידער דער שטראָם צו מײַן מאלקע זיך קערן.

דערווײַל האָט דער קוואל זיך צו שטאָפּן דערקליבן,
וואָס האָבן אים קויעך פאר אויסברוך געגעבן,
זײַן אופרײַס געווען איז דער רוף צו דעם לעבן,
זײַן פאל אַף דײַן לײַב איז געווען ווי די ליבע.

און עפן געטאָן האָסט, ווי בעז, דײַנע אויגן,
און שוועבסט, ווי א קישעף, ארויס פון געשטיינען
מיט קושנדיק־מיידלשע זעליקע ביינען,
און האָסט שוין דײַן קרוג צו מײַן מויל אויסגעצויגן.

און ס׳נעמט שוין דײַן מילדקײַט מײַן לעבן פארכלינען,
און כ׳גיי שוין אריבער די אייגענע גלידער,

פאַרגעסן איך האָב זיך אין שוועסטער און ברידער,
וועסט מיך, ווי אַ פּערל, בײַ זיי נאָר געפֿינען.

איך האָב זיך פאַרגעסן, אָף גליקלעך צו וויסן,
אַז אויב כ׳האָב דײַן הויכמוט, דײַן שײנקייט דערטראָגן,
וועט דעמלט דײַן האַרץ זיך ניט אופהערן שלאָגן
אויך דאַן, ווען מײַן האַרץ וועט שוין ווערן צעריסן.

1962

# דאָס גרינע בלעטעלע

## מײַן אײנציקער האר

כ׳בין אָפּגעשלאָפֿן בײַס דער שניט־צײַט, װי א סנאָפּ,
א נאכט אין סטעפּ מיט פּלײצעס צו די שטערן,
פֿארגעסן האָט זיך צװישן זאנגען זיס מײַן קאָפּ
און אױך געצײַטיקט מיט דעם גליק צו זײַן א קערן.

און כ׳האָב געדרעמלט, ביז פֿון מיר האָט דער באגין
מיט ערשטן װינט אראָפּגעריסן נאכט און שאָטן
און איז אין פּאָסטעלעס, דוכט, אױסגעפּלאָכטענע פֿון גין,
װי גלײַך אף אקער־ערד, איבער מײַן לײַב געטראָטן.

נאָר ער געקענט האָט מיט די פּיס א טרעט מיך טון,
און ס׳זאָל מײַן צאָרן ניט צערײַסן אים אף צװײען,
ער איז געגאן דאָך, װי א פּויער, מיט דעם קויש פֿון זון,
קעדײ ער זאָל א פּרײַ געמיט אין מיר פֿארזײען.

1961

## קנאָספּן

שוין אײַלן מאַרט־ווינטן אַ מאַזלטאָוו דערלאַנגען
איטלעכער קרוין, וואָס האָט בעשאָלעם אָפּגעשוואַנגערט,
איטלעכן צווײַג, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך מיט גליק
כאַליאַסטרעס קנאָספּן אַזוי פֿריילעך אויסגעפּיקט
פֿון ליסקע־פּאַנצערלעך פּאָלירטע, רויטלעך־מאַטע.

נאָך ווײַזן קנאָספּן אויס, ווי הינדעלעך מאָכנאַטע,
וואָס זײַנען אָקאָרשט פֿון די שאָלעכצן אַרויס;
מע ציט צום ערשטן מאָל די פֿרײַע אייוורים אויס
און שטאַרק פֿאַרדולט פֿון טאַראַראַם אין רוים אין גרויסן,
פֿאַרטראָגן און פֿאַרכידעשט פֿאַר דער זון,
מע ווייסט מיט בלעטעלעך נאָך, דוכט, ניט וואָס צו טון.

נאָר גיך מע לערנט זיך שוין אָטעמען מיט דרויסן,
פּונקט ווי אַ קינד, מיסטאָם, וואָס לערנט זיך ערשט גיין,
מ׳איז וויל־צעשויבערט, מ׳איז צעפּאַטלט מאָלע־כיין,
מ׳איז אומבאַהאָלפֿן נאָך און לעכערלעך ביז טרערן,
ביז אין דעם האַרצן אײַך אַזוי פֿאַרבאַקן ווערן,
אַז איר זאָלט ציטערן פֿאַר זיי, ווי גלײַך אַ בלאַט,
כאָטש זייער קלעפּיקײַט איז דאָך פֿון יענעם גראַד,
אַז אָפּצורײַסן זיי פֿון אָט דער ווײַסער וועלט

איז ווי דאָס גרינס פֿון פֿרילינג־צײַט אראָפּצושיילן,
איז ווי דאָס הארץ פֿון טרײַער ליבע אָפּצוטיילן.

און האָבן קנאָספּן נאָר אף פּיסלעך זיך געשטעלט,
מע הייבט באלד אָן זיך ווי די סטאטיקעס צו פֿירן,
צי ווײַל די וועסנע, ווי אן אויסגעשפּילטע ווירטן,
האָט צוגעדעקט זיי מיט איר הימל־זיפּ, וואָס העלט,
עס זאָל קיין בייז מיט זיי, כאָלילע, ניט פּאסירן;
צי ווײַל די זון האָט, ווי א קוואָטשקע, זיך אין הייך
אף זיי אוועקגעזעצט מיט שטראלן אזוי ווייך,
נאָר ווי ניט זײַן עס זאָל, איך זע מיט נאכעס ווילדן,
זיי טרייסלען דרייסט פֿון זיך אראָפּ די ליסקע־שילדן.

ווײַזט אויס, אײַך, צערטלעכע, איז העלדישקײַט ניט פֿרעמד,
אז איר זענט, קנאָספּן, גרייט אין הוילן כאקי־העמד, —
אין דינסטן כאקי פֿונעם לעבן דעם צעגרינטן
זיך אָן א פּאנצער קעגנשטעלן אלע ווינטן.

1957

## דאָס גרינע בלעטעלע

דעם פֿלאַטער פֿון מײַן האַרץ וועסט הײַנט געפֿינען
אין פֿלאַטער פֿון דעם בלעטעלע דעם גרינעם.

אָט שטרעקט עס אויס זיך, ווי א דלאָגיע צעעפֿנט,
ווײַזט אַלע רונצעלעך, וואָס זײַנען פֿײַן געפֿלאַנט.
צי דאַרף מען זײַן א וואָרזשביט דען אָף צו טרעפֿן,
אַוועלכער גוירל צייכנט זיך אָף אָט דער האַנט?

דורך סאַמע מיט זיך שנײַדט דאָס שטענגל אָן איין פּגאַם,
א שטײַף געגאָסנס און געראָטן אין דעם שטאַם,
בא ביידע זײַטן גייען אָדערלעך, ווי צווײַגן,
און צווישן זיי שוין אָן א צאָל קוים־קוים זיך צײַגן
פּאַרטיפֿטע פּעדעמלעך, וואָס פֿלעכטן אויס באַזונט
א מענגע נעצן, אַז עס הייבט זיך אָן צו דוכטן,
דו זעסט די גענג אָט דאָ פֿון וואָרצלען אין דעם גרונט,
דו זעסט דעם אויפֿגאַנג פֿון די צווײַטן און די פֿרוכטן.

און ס׳דרייט מײַן קאָפּ זיך און עס טרענקט זיך שוין מײַן זינען
אין אָט דעם בלעטעלע דעם פֿלאַכינקן און דינעם,
ווי אין א טהאָם — אַזאַ דערקוויקנדיקן רוים,

אז אויב דו פֿאלסט אהין אראָפּ אין גרינעם וועבן,
איז שטייסטו פֿרישער און געזינטער אוף צום לעבן.

כ׳האָב ליב דאָס בלעטעלע, מײַן הארץ האָט עס באזוימט.
ווײַל אָנגעמאָלט איז דאָך פֿון וואָרצלען ביז דער קרוין
אף יעדן בלאט דאָס גאנצע פּאָנעם פֿונעם בוים.

1958

## אן אָנגעמאָלטע יאַמבילד

א נארישקייַט, ביפראט פון קינדהייַט, פרייַנט,
געדענקט זיך. ס'הענגט פאר מיר נאָך קלאָר, ווי הייַנט,
בא אונדז אין קליינעם רעמעלע א בילד:
דאָרט רייַסט ווי פון דער הויט דער יאם זיך ווילד,
און כ'קען עס ניט דערגיין, פארוואָס דער יאם
צעשמעטערט ניט אַף שפּענדעלעך די ראם;
נו, זאָל א וועל זי כאָטש אריבערגיין.
איך קוק זיך איַין, א קינד — איך וויל פארשטיין.
דער יאם איז אויסגעבויגן, ווי א ברוסט,
וואָס וויל צו עפּעס טוליען זיך, נאָר פּוסט
איז ארום אים — קיין ברעג, קיין פעלדז, קיין שטיין,
וואָלט איבער אים איין זעגל כאָטש געווייט,
וואָלט איבער אים איין מעווע כאָטש צעשפּרייט
די פליגלען, ווי דעם כאָלעם פון א היים.
ס'האָט מיר געדוכט, ער ברומט אַף זיך אליין,
און עלנט שוימט ארויס זייַן ווייַס געביין,
און ווייַל ער איז אליין, דערפאר, מיסטאם,
ער ווארגט זיך אינעם רעמעלע, דער יאם.

1961

## דער שמעטערלינג

כ׳קען יענעם שמעטערלינג ביז הײַנט נאָך ניט פֿאַרגעסן,
דאָס רויזן־פֿײַער און דער טוי, די בלוי פֿון בעזן
אויף זײַנע פֿליגלען האָבן ליב זיך אויסגעמישט.
מיט וועלכן האַרצקלאַפּ האָב איך אים פֿאַר זיך געפֿאַנגען,
נאָר ווײ, דער זונען־שטויב האָט באַלד זיך אָפּגעווישט,
אויף מײַנע אויגן איז זײַן שיינקייט אויסגעגאַנגען,
שוין נאָר אַ שמאַטקעלע איז אין מײַן האַנט געהאַנגען,
און אין מײַן ברוסט איז מיטאַמאָל געוואָרן פּוסט.
דאָך אין מײַן ערשטן שווערן קינדערשן פֿאַרלוסט
איז מיר באַשערט געווען, עס זאָל פֿאַר זיך געפֿינען
זײַן ערשטע צײַטיקייט מײַן דאַן נאָך רויער זינען,
און דורך אַנטוישונג כ׳האָב אַן עמעס זיך דערוווסט,
אַז אומפֿאַרגענגלעך איז די שיינקייט פֿונעם לעבן
נאָר אין איר פֿרײַען האַרציק־ראַכוועסדיקן שוועבן,
אַז אייביק מעגלעך איז איר פֿאַרבן־איבערגוס,
ווען זי איז אָפֿן פֿאַר דער פֿרייד פֿון מענגעס אויגן,
אַז, ווי אַ מאַרע, ווערט די שיינקייט אָפּגעפֿלויגן,
ווי נאָר דו פֿאַנגסט זי פֿאַר דײַן אייגענעם גענוס.

1957

## רייכעס

שוין אָנגעשפּיקעוועט ביז פּלאצן איז דער הארבסט
מיט רייכעס מיט באטאמטע, ווי א פּראקע —
מיט ווײַניקלעכס, מיט פעפערדיקס און הארבס;
פון לופטן אויסגעבאקענע געשמאקע
עס דרייט זיך לײַכט און כיִעסדיק דער קאָפּ,
און רייכעס, דוכט זיך, בריִען מאמעש אָפּ
די נאָזלעכער, דאָס מויל אזש ביז דעם גומען.
און איך דערפיל, דער נאכעס־רועך איז געקומען
צו מיר צוגאסט און רוט איצט אין מײַן זעל.

אָט שווימען דופטן אָן — א וועל ווי נאָך א וועל:

דו עפנסט אוף דעם קאוון מיט א טרישטשע,
גייט אזא ווינטלדיקער לינדער אראָמאט,
און ס׳גיבן קערלעך, דוכט, ווי פייגעלעך, א פּישטשע,
און זײַן גערוך איז ווי דער דעך פון נוסנבלאט;
בא די צעשאָטקעוועטע הייפּטלעך קרויט אין פעסער
שוין ווערט דער פרישער רייעך פונעם פעלד
מיט שטוב־רייכעס געדיכטע אָנגעקוועלט;
סע פריִען ביטערלעך, ווי קאלינעס, די גרעזער,
פון טײַכן שארפער שמעקט אצינד מיט פיש,

און ס׳קענען זיך אין דרויסן ניט צעטייַען
די רייכעס, וואָס פון רייַכע בעקערייַען
איצט גייען אוף, ווי טייג, ווי איין געמיש
פון מעל און מאָן, פון הייוון, זאפרען, קימל;
מיט קאָרן־זאנגען שמעקט די זון אין הימל,
און ס׳שייַנט מיר, אז די גאנצע וועלט איז גאָר
מייַן ליבע, וואָס פארקעמט ארוף די האָר,
און זי אנטפּלעקט אף ווייַסן האלדז־און־נאקן
שוין ערד־באגילדט און זוניק אויסגעבאקן
איר הויט ווי פון א צייַטיקן ראנעט —
און רייצט מיט א מין עפּל־דופט, וואָס פלעט
אזוי, אז פאלסט פון ליבשאפט א באזיגטער —
א פריידיקער, באזיגטער און באגליקטער.
ווי פרוייִש מילד, ווי מוטערלעך אנטבלויזט,
ווי לעבנס־שטארק אין אָסיען זייַנען דופטן.
מיר דוכט, סע פלאצט די הימל־פלאש פון לופטן,
און אלע רייכעס גיסן זיך ארויס,
צעשיטן זיך אף שפּליטערלעך און שערבלעך,
און גאנץ מיט זיי די וועלט איז און אומשטערבלעך,
און כ׳שלינג זיי ביזן אופשניט פונעם הארץ,
ביז כ׳ווער, ווי זיי, צעעפנט פאר דעם לעבן,
וואָס ליב איז מיר ביז ווייטעק אינעם הארבסט,
און ס׳גלייבט זיך, מיר איז אָטעמען געגעבן,
קעדיי צו פילן גליקלעך און געבענטשט,
אז פראָסט עס שמעקט אזוי פון מיר מיט מענטש.

1961

## דער ערשטער סטויג

אַדע

מײַן ערשטער שטאָלצער טוווע־סטויג,
פֿאַרוואָס דערפֿרייט זיך ארום דיר אזוי דער טויק?

צי ווײַל דו ביסט דער בכאַר דאָ צווישן סטויגן,
צי ווײַל דו ביסט דער שעפּע־באַרג בא אונדז אין סטעפּ,
ווו ס׳שטײַט אין סאַמע מיט דער שיינער זומער־לעב,
וואָס דיך האָט אויסגעוויקלט און דערצויגן.
מײַן ערשטער סטויג, מײַן קאָרן־סטויג,
דײַן יעדעס קערנדל — דער אַפּל פֿון מײַן אויג.

כ׳האָב ליב ארוף אף דײַן פֿאַטלאַטן זאַטן רוקן,
ווי אין א כמאַרע אין א וואַרעמער זיך טוקן,
באַהאַנגען ווערן מיט דער צײַטיקײַט פֿון פֿעלד,
און מיט דײַן שעפּע זיך א שטעל טאָן פֿאַר דער וועלט
און פֿון דײַן הייך זיך אין דער ווײַט אַרײַן פֿאַרקוקן,
מײַן ערד האָט מיך אף אָט דער הייך אוועקגעשטעלט
און ווײַזט, אז איך באַדאַרף פֿאַר קיינעם זיך ניט בוקן.

מיט דיר ווערט צײַטיקער, פֿאַרקלערטער ווערט דער הארבסט.
די פֿעלדער לײַדיקער, נאָר פֿולער ווערט דאָס האַרץ.

דו ביסט מײַן גלײַכגעוויכט, מיט דיר מײַן מי איך וויג,
מײַן ערשטער סטויג, מײַן פולער טוווע־סטויג.

מײַן פרידן מעסט איך מיט דער מאָס פון דײַנע זאנגען.
ביסט הײַנט באנאכט, ווי גלײַך א גיבער נאָך א שלאכט,
פאר מיר פון שוצגראָבנס פארשיטע אופגעגאנגען,
עס האָבן הראבליעס ארום דיר נאָך אלץ געוואכט
און דער לעוואָנע ציינער זייערע באוויזן,
און ס׳האָבן היי־גאָפּלען, ווי דרײַענדיקע שפּיזן,
צו דיר איר אויסגעשפּרייטע ליכט צונויפגעשארט.

מיט דעם לעוואָנעדיקן וועג בין איך צו דיר געקומען,
דו ביסט געוועזן מיט זאנגען זילבערנע באוועבט,
מיט ברוסט־שילדן פון ליסקעלעך באקלעפּט,
מיט ווײַסע גארבן־גארטלען שטײַף ארומגענומען,
ס׳האָט זיך געוויגט דער גאנצער סטעפּ, ווי אין א וויג,
א כוואליע זיך געטאָן צום סטויג, פון סטויג — צוריק
מיט וויקע, פּאוויליקע, בלימלעך בלאָווע,
ווי אן אומענדלעכע, א רוסישע מאכשאָווע.

און בא פרימאָרגנדיקער זון כ׳בין שטיין געבליבן
פארגאפּט פאר דער, וואָס האָט דיך, סטויג, צונויפגעקליבן
דאָס גרינע קלייד איז אפן לײַב אף איר געזונטן
בא ביידע היפטן איר געוועזן אזוי פארבונדן,
ווי זי וואָלט טאָרבעלעך גאָר אומגעטראָגן צוויי,
וואָס זײַנען אָנגעשיט מיט אייביקן פארזיי;
א קלאָרינק פארטעכל — א ליליע מיט צניעס
האָט זיך געשטרעקט צו אירע ברוינע קניעס,
ווי גלײַך געוואָלט אין זיי זיך געבן א פארפלאנץ;
די צעפּ די ווייצענע, פארפלאָכטן אין א קראנץ,
ארומגעכאפּט איר קאָפּ האָבן מיט כּיעס —
און ער האָט אויסגעזען — א לעבעדיקער הערב.

זי האָט פאַרהויבן איבער אים איר שטאָלצן סערפּ,
און ס׳האָט געדוכט: אַף זײַנע צײַנדעלעך די שאַרפע
האָט אָנגעצויגן זיך א זאנג לעבן א זאנג,
דאָס איז געווען, ווײַזט אויס, איר גינגאָלדענע האַרפע,
די סטעפּ־האַרפע, וואָס ווייסט דעם שאָרך, דעם קלאַנג,
די רייד פון רײַפן קערנדל, זײַן ציטער
און אויך דעם קלאַפּ פון האַרצן בא דעם שניטער.
און אָנגעהויבן האָט דאָס מיידל איר געזאַנג:

„אָן ענג־פאַרשלאָסענע אין טפיסע פון א סנאָפּ,
בין איך, דאָס סטעפּ־מיידל, יאַרטויזנטער געזעסן,
און שטרויען ליידיקע מײַן לײַב האָבן געפּרעסן
אַף אָרעם פעלד, אַף אומעטיקן סטעפּ,
וואָס איז געווען מיט מעזשעס דורכגעוועבט.
נאָר פון געפענקעניש כ׳האָב זיך באַפרײַט, מײַן ליבער,
איז טראָג מיך אַף די אַקסלען הײַנט, מײַן סטויג — מײַן גיבער,
אזוי ווי איך האָב דיך געטראָגן אַף די הענט
און אויסגעכאָוועט דיך, מײַן זוניקער, מײַן כײַעס,
די ערד האָט לאַנג געבענקט נאָך אונדזער שאָלעם־באַיִס״.

אזוי האָט זי פאַרענדיקט איר געזאַנג
און מיר א גלעט געטאָן די וויִעס מיט א זאַנג,
און ס׳האָבן קערנדלעך געטאָן זיך א פאַרזויג,
ווי צענדליקער שוואַרצאַפּלען אין מײַן אויג,
און כ׳האָב דערזען, דו שפּאַנטט צו מיר, מײַן סטויג,
ביסט פול מיט רענדעלעך פון אופגעפּראַלטע היילן,
און מיט בורשטינען, וואָס זיך מינען אזוי קלאָר,
און מיט דעם אויצער פון די זיבן גוטע יאָר,
און מיט די וווּנדער, וואָס די מײַסעס נאָר דערציילן —
דאָס איז געווען איין ליכט, וואָס גלאַנצט אזוי פאַרשידן,
דאָס האָט געקוקט אזוי דאָס טײַערסטע — דער פרידן,
וואָס הייבט זיך אָן אין מיר אַף אָט דעם טויק,

פון דיר, מײַן בכאָר — מײַן פולער סטויג.
איך בין ארוף אף דײַן פאטלאטן זאטן רוקן
און פון דײַן הייך אין ווײַט ארײַן גענומען קוקן,
און מײַן פארליבט און מײַן פארכידעשט אויג
האָט נאָר פאר אָט דעם פעלד געוואָלט זיך בוקן.

1948

# דער ערשטער הארבסטיקער בלאט

ערשט נעכטן האָט דער הארבסט באגילדט קוים־קוים
באם ערשטן בלאט זײַן פּײַן געשניצטן זוים,
נאָר הײַנט עס עפנט אָט דער בלאט שוין אַף דעם בוים
פארקלערט און בלענדיק דעם סענטיאבערישן לועך,
און וויגן וויגט ער זיך איצט אום האלב־גרין, האלב־געל,
ווי טרוקן זאמד וואָלט אָנגערוקט זיך אַף א וועל,
און שטימען צוויי שוין רוישן, דוכט זיך, אין זײַן קעל.

ווער ווייסט, ווי ווייטעקדיק און שארף איז דער וויקועך,
וואָס פירט אין בלאט זיך צווישן זומער־לעב און הארבסט,
אז טויט און לעבן טוישן זיך מיט זייער פארב,
אז גאָר די העלקײַט קומט צום בלאט אים זאָגן „שטארב!“,
אז דאָרט, ווּ גינען, דאָרט איז אייביק שוין זײַן שאָטן,
אז דאָרט, ווּ שאָטן גרינט, איז ליכטיק נאָך זײַן וועלט.
נאָר ענגער, ענגער ווערט באם בלאט דאָס גרינע פעלד,
שוין אָט דער הארבסט אין אים פאר זאפט דעם וועג פארשטעלט
און האָט מיט פײַער אים באלאגערט און פארשאָטן.

און אָט־אָ רײַסט דער בלאט זיך אָפּ שוין פון זײַן רוט,
און ווּ ער פאלט, דאָרט שטראָמט, דוכט, זוניק בלוט,
ווײַל ער איז דאָך דער ברענענדיקער פּאראשוט,

ווּ ס׳האָט אַף שפּינוועבס ערשט געהוידעט זיך דער זומער,
נאָר ליגט געפאלן איצט און קוקט מיט יענעם קומער,
וואָס איז אי ביטערלעך, אי זיס — און מענטשלעך גוט.

דער זומער ליגט, ווי אַ פאַרווונדעטער סאָלדאַט
נאָך הייסער שלאַכט, מיט שטראַלן־פּיס ווי אויסגעלענקטע,
און ווערט ניט גיך אַוועק. און כאָטש ס׳וועט זאַט
אין אים ניט אָנשפּיגלען דאָס האַרץ זיך דאָס פאַרבענקטע,
נאָר היימלעך איז, — נאָך פליט דאָס שפּינוועבס נאָוועגאַד,
אַ סימען, ס׳זיינען לעצטע טעג, ווי גאָלד געשענקטע,
ניט אָפּגעריסן נאָך מיט אָט דעם ערשטן בלאַט.

1956

## דער הארבסט־אויצער

נו, גאָט מײַנער, צו וואָס אזא אשירעס,
אזויפֿיל ליכט בא ביימער אינעם הארבסט,
צי ווײַזן זיי דער וועלט שוין ערעוו קרירעס,
ווי פֿלאמענדיק און גרויס איז זייער הארץ?

אין זיי די לופֿט פֿארטיפֿט, און ריין, און בלאָוו איז,
און מאַמעש ווי א מענטשלעך אויג פֿארקלערט,
ווי נאָך דער פֿרוכט וואָלט גאָלדענע מאכשאָוועס
געבוירן איצט די אָסיענדיקע ערד.

1961

## לאָזעס

אויב דיר, געפּרוּווטער מענטש, וועט אויסקומען צו גיין
פאַרביַי דעם פעלד, ווו אָט די בערגלעך ערד זיך שוואַרצן,
זאָל דיר ניט ווינקען דאָ קיין אָפּגעהאַקט געביין,
און שווער ניט לייגן זאָלן זיי זיך אויף דיַין האַרצן.

דאָס האָב איך לאָזעס מיט דער ערד אַרומגעהילט
מיט ליַיב מיט וואַרעמען פון זייער גרויסער מאַמען,
אַז ס׳זאָל דער זאַפט אין זיי ניט ווערן אויסגעקילט,
דער פראָסט ניט אויסלעשן זאָל אָט די מילדע פלאַמען.

דאָרט, ווינטער צוגעדעקט מיט גרינגן באָדן־פוך,
זיי ליוכטן שורעסוויַיז מיט פורפורנע געוועבן,
ווי גליַיך דערוויַיל נאָך אין אַ צוגעמאַכטן בוך
דער שריפט דער זוניקער פון כיעסדיקן לעבן.

און ווען צעבלעטערן וועט ריַיך זיך יעדער רוט,
דאַן וועסטו אויסלייענען באַ וויַינטרויבן אין אויגן,
אַז איך געווונטשן האָב אַ וועלט דיר, וואָס איז גוט,
אַז ווי אַ לאָזע, פול צו דיר כ׳בין אויסגעצויגן.

אין פֿולן מענטשן־הארץ עס שפּילט דער ווײַן דאָך שטארק,
דער זאפט רינט מונטער אויך פֿון וווּנדיקע בעריאָזעס,
און אויב עס פּרעסט אמאָל דײַן הארץ א שווערער בארג,
טאָ זאָל ער ווארעמען נאָר לעבעדיקע לאָזעס.

**1956**

# אפן בארג שטייט א דעמב

פּאָלקסמאָטיוו

אפן בארג שטייט א דעמב, שטייט ער אויסגעבויגן,
בלעטעלעך אראָפּגעלאָזט, ווי די גרינע אויגן,

ווי ער קוקט פארקלערט און ציילט אינעם גרונט דעם ליבן,
וויפל לעבן אף דער ערד איז אים נאָך געבליבן,

וויפל נאַך עס וועט איר ברוסט זײַנע וואַרצלען נערן,
צי סע קומט דער זאפט, ווי מילך, צי אנטלויפט, ווי טרערן.

צופיל ביסט שוין, דעמב, פארטאַן אין דײַן גרונט דעם שווארצן.
צופיל שטעקן וואָרצלען שוין אין דײַן אייגן הארצן,

צופיל האָסטו אין דײַן קרוין זיך ארײַנגעצויגן,
אזש זי האָט זיך פון דער זון גאָר אוועקגעבויגן.

זײַ זשע, דעמב, זיך ניט אליין פון די ערגסטע סאָנים,
גיב זשע מענעריש א קוק גלײַך דער זון אין פּאַנעם,

דאָרטן שטייט מיט שטראלן דאַך אויצערדיק פארשריבן,
וויפל שיינע זומערס נאָך זײַנען דיר געבליבן.

1961

## דער וואנדלדיקער גראָזן־קנויל

דערווידער איז מײַן הארץ דער גראָזן־קנויל,
קיין וואָרצלען מיט דער ערד אים ניט פארקנאסן,
זײַן וועלט איז, ווי א זוינע, אויסגעלאסן,
צעלייגט, אָן זאָרג, צעוואלגערט, האָריק־הויל,
ער קען דעם מינדסטן ווינט זיך אויך ניט ווערן
און יאָגט, ווּהין די צופאלן אים קערן,
און קײַקלט זיך אף שטויב און קויט און ליים.

אָן אָדערל, וואָס בלוטיק ציט צו היים,
אָן בלאט, וואָס וויל א גאנצע זון פארשליסן,
ער ווייסט ניט פון דער מוירעדיקסטער לייד
צו ווערן מיט א טײַער אָרט צעשיידט,
צו ווערן פונעם גרונט ארויסגעריסן,
נאָר אייביק קען ער אויך דערפאר ניט וויסן
דעם טאם פון גראָבן טיף, פון שטײַגן הויך,
אים איז באשערט נאָר פויזען אפן בויך.

ער איז ניט אלט, ניט יונג — זײַן טאָג איז ביליק;
ניט ליכטיק און ניט פינצטער — ער איז גרוי,
זײַן טויט און לעבן ווייסן ניט קיין כילעק.
קיין שטראלן און קיין שאָטן און קיין טוי

אין לעבן ניט געטיילט האָט ער מיט קיינעם,
און פרעמד איז אים מיט גאנצע פעלדער שכיינים
אינײנעם טאָן איין לעבעדיקן רויש.
אָט וואנדלט ער, ווי יענע מאָדנע קויש,
וואָס אָפּגעדינט באַם וואָכערניק האָט יאָרן
און אָנגעשטעקט אליין פון אים געוואָרן
מיט זשעדנעקייַט, מיט קארגשאפט, מיט זייַן גאנג.
פון אים געיארשנט אלע מיִעסע מידעס
און שלעפּט אַף זיך מיט גיריקייַט, יעכידעס
א שטרוי, א בליט, א שטעכערל, א זאנג
און גייט דורך קווייטן דורך, ווי א מאגייפע,
די בלעטלעך פליקט און פוצט מיט זיי זיך אויס,
ווי א מין אלטע גרייַלעכע מאכשייפע,
וואָס שטעקט זיך אין דער פאטלע איַין א רויז;
ער ראטעוועט, ער כאפּט ווי פון א סרייפע,
אָט איז ער שוין מיט בודיקעס באזעצט
און טאנצט ארום אין סטעפּעס ווי א לעץ,
און אלעמאָל איז אים ניט צו דערקאָנען.
אָן וואָרצלען, בלייַבט ער אויכעט אָן א פּאָנעם.

אזוי־אָ יאָגט ער אום, דער גראָזן־קנויל,
ווי א מין אופגעעפנט האָריק מויל,
אַף זשעברעווען און אייַנשלינגען די דוימען,
נאָר אייביק בלייַבט זייַן וועלטל פויל און הויל,
און אפן וואסער פאלן זייַנע זוימען.

1956

## דער רויטער עפּל

אַף אַט דעם עפּל ברענט ניט נאָר די הויט,
ער האָט געלאָזט אַזוי זיך דורכשטעכן מיט שטראַלן,
אַז זייער שײַן זיך שפּיגלט טיף אין זײַנע קוואַלן,
אַז אויך זײַן פלייש איז אינעווייניק רויט.

פיר ליסקע־וועטלעך העלן אין זײַן מיט,
קעדיי די קערנדלעך דורך זיי עס זאָלן קענען
דערזען און לערנען זיך בא אים, ווי לינד צו ברענען
און שנײַדן זיך נאָר אַף זײַן שיינעם שניט.

און אַלץ — זײַן טוי, זײַן דופט, זײַן פאַרב — זעט אויס,
ווי ס'וואָלט די זון זיך טויע זײַן גאָר עפּעס גליקלעך
און האָט, ווי מישנדיק די בלעטער אויגנבליקלעך,
פאַרפּלאָנטערט אַט דעם עפּל מיט א רויז.

נאָר, אוי, איז דען קיין טאָעס ניט, זאָג, ערד,
וואָס אַזוי וויסטיק אײַנגעשטאָכן אין זײַן אָרעם
זיך האָט צוזאַמען מיט די שטראַלן אויך דער וואָרעם
און פרעסט זײַן לײַב און מיסטיקט און פאַרצערט.

זאָל כאָטש קיין בייז מיט זוימען ניט געשען,
זאָל בלײַבן גאנץ כאָטש זייער ליסקע־הײַזל,
זיי זאָלן גליקלעכער די עפּל־שיינקײַט ווײַזן,
מיר זאָלן זי א פּולקומע דערזען.

1964

# בעז

ס׳איז נאָך א רעגן. ס׳הענגט דער בעז
נאָר אף זײַן אָטעם, ווי א נעס,
און פלאטערט לײַכט פון זיך אליין,
פון דופט, וואָס נעמט אים איבערגיין,
פון טראָפּנדלעך, וואָס שימערירן.
ווען עמעץ וואָלט אים, דוכט, באַרירן,
ער וואָלט פון אָט דער וועלט אַוועק,
קעדיי ניט בלײַבן מיט קיין פלעק.

ער ציטערט בלוי, ער ציטערט ווײַס,
ער בעט זיך, דוכט, בא מיר — „ניט רײַס!״,
ניט שרעק זיך, בעז, איך רײַס אזוי
נאָר מיט מײַן בליק דיך, אז דײַן בלוי
זאָל אין מײַן אפל מיר ארײַן,
דײַן ווײַסקייט זאָל מײַן ווײַסל זײַן,
דײַן בלומען־שטערנדל, זײַן צאפל
זאָל אופגיין ריין אין מײַן שווארצאפל.

און אָט אזוי־אָ ניט באַרירט
שוין צווייענדיק ער שימערירט:
זײַן לײַב — אף צווײַגלעך אָנגעבויגן,
זײַן זעל — באַ מיר שוין אין די אויגן.

1964

## דאָס טויעלע

א טויעלע האָט אָפּגעבלענדט
איין מאָרגן־שאָ,
האָט, ווי א מיידלש אויג, געברענט
און, דוכט, ניטאָ.

ניט ווייַן, עס האָט ניט אויסגעפּיקט
א ראָב זייַן שייַן,
זייַן ריינקייַט־שיינקייַט האָט געגליקט,
עס וועט דאָ זייַן.

עס איז געווען דעם טאָגס א בליק
און ניט דער נאכטס.
דאָס טויעלע, וואָס עס דערקוויקט,
בלייַבט דאָך אין הארץ.

**1961**

## וואַסער־קריגעלעך

די וואַסער־קריגעלעך, פּירעקעכדיק פונדרויסן,
זיי זייַנען זייער צאַרט געגרונדיקט אין דער מיט,
און ווי דער ווינט זאָל זיי נישט מאָרדעווען, ניט שטויס:
נאָר גיי צעברעך, אַז זיי געקלעפּט זייַנען פון צוויט,

און ווי דער טייַך זאָל ווילד ניט אופבראַזן, ווי ווייַנען,
ניט קען קיין טראָפּן פון דער זייַט אין זיי אַרייַן.
וואָס איז דער כידעש, אַז פאַרפּלייצט ביז ראַנד זיי זייַנע
מיט זייער אייגענער שוין זויבערקייַט און שייַן.

1963

## מײַן אומעט

מײַן אומעט — ער קומט צו מיר ניט צו גיין
לײַכט, ווי א זעונג פון נעפּל,
ער איז שווער, ווי דער זומער אף גלײַיקן שטיין,
ווו פארוואָרפן איך האָב מיטן קעפּל.

געהאט האָב איך אלץ — אי ווארעמס, אי קאלטס
אין עלנטע יאָרן אין שווערע,
מיט מיר איז געלעגן און הייס מיך געהאלדזט
דער פלעק־טיפוס, ווי א פאנטערע.

און פארשוווּמען איז דאן צו מײַן שטיינערנעם בעט,
ווי א קוואל וואָלט דעם שטיין געשפּאלטן,
א מיידעלע, וועלכעס האָט קיל מיך געגלעט,
מיט א ברעקעלע ברויט מיך דערהאלטן,

מיט איר אויגן־בלוי, מיט איר אויגן־טוי
ניט דערלאָזט מיך צו ווערן א דאָרן,
נאָר, דוכט, פון מײַן היץ איז די קליינינקע פרוי
אליין אויסגעטריקנט געוואָרן.

און איך ווייס ניט, צי דאַן האָט איר פּענעצל ברויט
צי דער טױ פֿון איר אויג מיך געגעזן,
נאָר ווען כ׳בין אנטלאָפֿן געוואָרן פֿון טויט,
בין איך מער שוין קיין קינד ניט געוועזן.

1956

## קינדערשע פאַרגלייבטקייט

א נאַריש קינד! וואָס דאַרף איך טאַקע זאָרגן,
אַז פאַרן שלאָף כ'בין גליקלעך שוין דערפון,
וואָס כ'ווייס, ווען איך וועל אופכאַפּן זיך מאָרגן,
וועט זיכער אויך זיך אופכאַפּן די זון.

און שוין קאַיאָר, ווען כ'נעם זיך נאָר דערמאָנען,
ווי גוט די נאַכט צעשטעלט אין הימל־צעלט
די שיינע מײַנע שטערן, מײַן לעוואָנע,
איז פיל איך זיך דער שענסטער אַף דער וועלט.

כ'גלייב, אויב ס'איז זון א מאַמע מײַנע גלידער,
מײַן באָבע־מײַסע — די לעוואָנע־שײַן,
אויב שטערן זײַנען מײַנע גוטעברידער,
וועל איך דאָך פעסט, ווי זיי, אויך אייביק זײַן.

1964

## ייִנגלשע געגנג

אף א שטראָל, אף איר בלענד
כ׳בין מיט אויגן פֿאַרמאַכטע געגאַן,
נאָר צו כּידעש געווענדט
איז געווען דאַן מײַן ייִנגלשער שפּאַן.

אף די וויִעס בא מיר
האָט א פֿאַווע זיך העליש געזעצט,
און איך האָב אַרום איר
פֿאַרפּלאָנטערט מײַן אויגיקע נעץ

און באַפֿוילן איר: — פֿלי,
ס׳איז דער הימל דאָך פּערל און טוי.
און זי האָט א צי
מיך געטאָן, ס׳זאָל מיך קושן די בלוי,

אירע פֿליגלען צעשפּרייט
איבער מיר, ווי א בלום נאָך א בלום,
און די וועלט האָט געווייט,
ווי סע נעמט מיך די מאַמע אַרום.

און געוואָלט כ׳האָב מײַן גליק
מיט די אָפֿענע אויגן דערזען,
ווי געטאָן כ׳האָב א בליק,
איז די פּאווע ווי מער נישט געווען,

נאָר אין ווײַט שוין געהעלט
און פארטראָגן מײַן שטראל, ווי א שטרוי.
אָ! וואָס פאר א וועלט
ס׳איז פארפֿלויגן מיט איר אָט אזוי.

כ׳האָב געטאָן דאן א פאל
פֿון מײַן הימלש, מײַן ייִנגלש געביין,
יענע גאָלדענע שטראל
איז געווען דאָך די קינדהײַט אליין.

**1964**

## מײַסע קונדעס

ס׳קומט די צײַט, כעוורעלײַט, דער הימל זאָל זיך נעמען
די קאָלטענעוואטע קעפּ בא וואָלקנדלעך צו קעמען,

ס׳איז זײַן קאם — פּײַער־פּלאם, ציינער גיט פון ביינער,
בליץ אין בליץ — אָנגעשפּיצט — בא זײַן קאם די ציינער.

נעמט ער נאָר בא וואָלקנדלעך קעמען די טשופּרינעס,
ברעכן זיי די פּיסקעס שוין, מאכן מינע מינעס,

דונערן, און טראָגן זיך, און שלאָגן זיך, און קלאָגן,
פּונקט ווי יענע כעוורעלײַט, וואָס ווילן זיך ניט צוואָגן.

און בייס זיי רעגענען ארויס א יאָמערײַ, א כליפּען,
עפּנט טשמאָקענדיק די ערד אירע שווארצע ליפּן,

טרינקט דער גרונט פּאר געזונט, פּאר קערנער א לעכאַיִם,
זיי, די וואָלקנס, יאָמערן, ער איז זיך מעכײַע.

דאָס געוויין פון וואָלקנדלעך נאָר אין הימל הערט זיך,
נאָר פון אָט די טרערעלעך אונדזער סימכע מערט זיך.

1961

## א גוטער פֿאַרגעפֿיל

נו, זאָג, מײַן הארץ, װוּ איז דײַן קװאַל פֿון פֿרייד,
װאָס קומט אצינד װי אומגעריכטערהייט,
און עפּעס גלעט, און עפּעס װײַזט זיך אויס,
אז ס׳האָט דער הימל, װי ער איז ניט גרויס,
איצט אָנגעטאָן אַף זיך א נײַע הויט,
און ליב דער גוטער מאלעך דאָרט זיך בלויט
און שאלט:

„ס׳איז הײַנט דער גאָט פֿון לײדן טויט,
און ס׳װעט דער װינט ניט ברעכן הײַנט דעם צװײַג,
ניט כאפּן װעט דעם פֿויגל הײַנט די שטײַג,
די װעל װעט ניט צעשלאָגן זיך אין שטיין,
פֿון װאָרעם־פּרעס איז הײַנט דער עפּל ריין,
און יעדער האָט אַף בויען גליק זײַן לײם,
און יעדער האָט א מאמע און א היים!״

װאָס איז אַף דיר די פֿרייד, מײַן הארץ — מײַן שײַן,
עס קען דאָך אָן קיין סיבע גאָרניט זײַן,
ניט אנדערש, האָסט, אין דײַן צוזאמענהאנג
מיט זון און װינט און גאנצן לעבנס־גאנג,

דערפילט, מיסטאם, אז ס׳איז די סאמע צייַט,
ווען ס׳האָט בא עמעצן פון גוטע לייַט,
וואָס ער איז שיר שוין ניט געגאַן צו גרונט,
זיך הייַנט פאַרהיילט א זייער טיפע ווונד.

1964

## כ׳וויל ניט

כ׳וויל ניט, ס׳זאָל דעם מענטשן ווי טאָן,
כ׳וויל ניט, ס׳זאָל דעם מענטשן ווי טאָן!

זאָל מיט ריינס אַף אים א שניי טאָן,
זאָל מיט הארץ אַף אים א ווי טאָן.
אויב סע מוז דעם מענטשן ווי טאָן,
זאָל נאָר ווי טאָן, ווי די בייטן,
אָפּגעזומערטע אָן קווייטן,
ווי דעם קוואל אין שטילן קלאָגן,
וואָס ער קען פון גרונט ניט שלאָגן,
ווי דעם וואָרט, וואָס האלט אין נאָגן,
ווײַל ס׳איז ניט ארויסצוזאָגן,

ווי טאָן פאר אומזיסט צו טייטן,
פאר דעם קאָרן ניט פארזייטן.

כ׳וויל ניט, ס׳זאָל דעם מענטשן ווי טאָן,
כ׳וויל ניט, ס׳זאָל דעם מענטשן ווי טאָן!

1963

# די כאָכמע פונעם שטאָלגיסער

אין יענער רעגע, ווען זײַן לאָם
שוין האקט אדורך די ליים אין טיגל
און ס׳גיט א פאָך דער אײַזן־שטראָם
מיט מאלכיש־פײַערדיקע פליגל,

וואָס טראָגן, דוכט, אף זיך א נאכט,
ווו שטערן צינדן אָן די שנייען
און עפענען אזא מין פראכט,
אז ס׳קען דער מויעך זיך פארדרייען, —

דאָן בלײַבט דער גיסער קאלט, ווי שטיין,
קיין שפילצײַג קען צו אים ניט ריידן.
ער ווייסט, אלץ מער דאָס שטאָל איז ריין,
וואָס מער ס׳איז דאָס געשמעלץ באשיידן.

און ס׳קומט צום שטאָל די קאלטע רו,
און ער אין דעם האָט אָנגעקלונגען
און הערט זיך, ווי א רויפע, צו:
„איז דאָרט קיין ריס ניטאָ אין לונגען?“

און בייס ער זוכט א פגאם, א שפאלט,
אים דוכט, אז ער איז צווישן פעלדזן

מיט מענטשן אין א צוג, וואָס פאַלט
אַראָפּ אין טהאָמען פון די רעלסן.

ער ווייסט דאָך גוט, אַז צײַטיק וועט
אין טיפן צוויי דער אײַזן־זאָמען —
אין מוטערלעכער טראַכט פון ערד
און אין דער מענערשער געשאָמע.

ווײַל אויב דער רעלס פון אײַזנאַרץ
זיך האָט די צוגן אָפּגעגעבן,
איז מוז ער גאַנץ זײַן ווי דאָס האַרץ,
וואָס טראָגט אויף זיך די ראָד פון לעבן.

1961

## פארגאפטקייט

האַסטו געזען אמאָל אין מידבער פויזען
דעם יאַשטשער, וואָס קוים־קוים פון זאמד זיך שיילט;
זיין מיִעסקייט ווייזט שוין אויס אפילע גרויזאם:
דער קאָפּ איז נאָך פון גוף ניט אויסגעטיילט,
זיין שילד — פון ניט געטעסעטן נאָך קיזל,
פון אויגן טוט קיין טוי נאָך ניט קיין ריזל,
די פיס בא אים, ווי פיר געליימטע פרעש,
דער געלער בויך איז ווי פון קויטיק מעש,
וואָס ס׳איז מיט קיין שום זאמד ניט אָפּצורייבן,
נאָר אָט — ער קריכט, ווייל אף איין אָרט ניט בלייבן;

זיין יעדער ריר דערמאָנט אין א מין קראמף,
זיין יעדער קער — א פייניקונג, א קאמף,
זיין יעדער ווענד, דוכט, ווייטעקט אומגעהייער,
ניט נאָר ווי גלייך מע ברענט אים אפן פייער,
נאָר ווי ער וואָלט זיך ערשט צונויפגעשטעלט
און פילט, אז עפּעס נאָך א קנאָך אים פעלט.

איך קוק אף אָט דעם קריכנדיקן שערעץ
ניט נאָר מיט א באזונדער דערעכערעץ,
נאָר א פארציטערטער, דערשיטערטער איך גאף,

ווי איך וואָלט שטיין צוקאָפּנס דעם באשאף,
פּונקט איך וואָלט זייַן דער סאמע ערשטער איידעס.
ווי אָט דער יאשטשער נעמט דורך כעוולע־ליידע
זיך אויסרייַסן, זיך אויסקעמפּן אליין
פון מידבער־זאמד, פון מידבער־טויט, פון שטיין;
און ער, וואָס איז שוין, דוכט, דאָס סאמע מיִעסטע,
זעט אויס מיר אין זייַן ווייטעקדיקן גאנג
אף אָט דער אומראכמאָנעסדיקער וויסטע
גאָר שיין, ווי ס'איז דער אָנדייַט אף א זאנג.

1965

## דאָס פערד

ווי ס'איז זײַן קערפּער מאָלע־כּיין,
ווי ס'קאָן זיך אזא שיינקייט שיילן
פון פּראָסטן כּײַישן געביין,
זאָל אײַך דאָס פערד אליין דערציילן
מיט קלוגער מאָרדע, וואָס איז ראָז,
זי שמועסט אָפּט דאָך מיטן גראָז.

קיין זאָטל ברעכט נאָך ניט זײַן רוקן,
קיין צײַמל קרימט נאָך ניט זײַן מויל,
די אויערן זיך נאָך ניט צוקן
אונטערן בײַטש־געקנאַל פאר גרויל,
סע טיילן נאָך קיין שווארצע שאָרן
ניט אָפּ פון זון זײַן שטערן־בליק,
קיין כאָמוט ווארגט ניט זײַנע יאָרן,
קיין לייצע רײַסט נאָך ניט צוריק
זײַן יאָג, זײַן טראָג צו לעבנס־גליק.

טאָ זאָל דאָס פערד זײַן כּיין אליין נאָר
אונדז אויסדערציילן מיט די ביינער,
מיט יעדן ווענד און קער, מיט אלץ —
מיט מיידל־גריווע, שוואנען־האלדז

און מיט זײַן גלאַנציק־ברוינער פעל,
ווו ס׳שפּיגלט, דוכט, דער סטעפּ זיך העל.

אָך, זײַנע פיס — זיי שרײַבן אויס
מיט קני׳עס, קנאַכן און געלענקען
א בליץ־זיגזאַג אין הימל־שויס,
וואָס כאָטש ס׳איז שווער אים פאַרגעדענקען.
נאָר ס׳וועט דאָס האַרץ שוין שטענדיק בענקען
נאָך אָט דעם גאַנג, ווי א געזאַנג,
און הערן וועסט נאָך לאַנג דעם קלאַנג,
דעם הילך, ווי גלײַך פון קאַסטאַניעטן,
ווען ס׳גיבן קאָפּיטעס זיך פיר
אין לופטן פּלוצעם א באַריר,
ווי זיי מיט פויגלען זיך פאַרוועטן,
און אַלץ דערציילט אין יעדן ריר,
ווו ס׳האָט די שיינקייט זיך פאַרטײַעט,
אַז ס׳איז זײַן מוטער נאָר די פרײַהייט,
אַז לויפן לויפט עס נאָר נאָך איר.

1965

## די שיינקייט פון א וואסערפאל

דער וואסערפאל אף שפיצעכדיקע שטיינער
זיך שלאָגט, ווי א פארווונדעטער פאזאן,
בא ווען סע צעדרויבלען זיך די ביינער,
נאָר אין דער רעגע פון זיין לעצטן שפאן,
דאָרט בא דעם טהאָם, בא סאמע וויסטע ענדן,
ער נעמט צונויף זיין קראפט, ער צוימט זיין פיין.
ער פרווט מיט פארבן קיינעם ניט פארבלענדן,
נאָר לויטער־פראָסט ער גייט זיך מאקריוו זיין;
זיין ריזיקייט איז אייביק אינעם שטראָמען,
אין זיך אריבערווארפן איבער טהאָמען,
אף אָנפויען מיט זיך א דאָרשטיק פעלד.
זיין שיינקייט איז דער קויעך פון א העלד.

1964

## די שרעקלעכסטע אווירע

ס'וואָלט געווען די סאַמע שרעקלעכסטע אווירע,
ווען די זערע וואָלט פאַרגעסן אין איר פּיירע.

האָט דער קערן אָבער גאָר א שפּיציק קעפּל,
פאַרגעדענקט מיט אַלע פּישטשעוקעס זײַן עפּל.

און דעם עפּל ליגט דאָך טיף אין דעם זיקאָרן
יעדער אָדערל פון צוויט זײַן דופּטיק־קלאָרן,

און דער צוויט — ער קען די בלעטער ניט פאַרגעסן,
ווײַל ער איז אין זייער גרינער וויג געזעסן,

און עס בוקן זיך אין טפילע־רויש די בלעטער
פאַר די וואָרצלען — זייערע שאַפנדיקע געטער.

ווען די זערע וואָלט איר פּיירע גאָר פאַרגעסן,
וואָלט זי דאַן זיך ווי א רויפּע אופגעפרעסן,

ווי אַ וואָרעם גאָר אין גרונט זיך שוין פֿאַרגראָבן,
נאָר קיין פּאַנעם פֿאַר דער העלער זון ניט האָבן.

ס׳וואָלט די וועלט איר גאַנצן קיום אָנגעווירן,
ווען דער קערן זײַן זיקאָרן וואָלט פֿאַרלוירן.

**1967**

## די זוים

ס'איז האַרט נאָר די זוים פאַר דעם דרויסן,
אינעווייניק פּאַר פּרוכט איז זי צאַרט.
שנייַד ניט אוף מיט קיין שאַרף אירע שויסן,
וועסט נאָר קוילען דאָס גרינס אין איר טראַכט

אָ, איך ווייס די יעסורים פון זאַנגען
בא דער זערע, וואָס פאַלט אָף א שטיין,
נאָר איך קען זיי ניט רייַסן מיט צוואַנגען,
ביז סע שפּאַלט זיך די זוים ניט אַליין.

1957

## ברויטן

וואַס הערט זיך עפּעס, ליבע ברויטן,
ווי גייט עס, זאנגען, אײַך, מײַן פרייד,
צי האָט איר שוין די גרינע הויטן
פארביטן אף א גאָלדן קלייד?

ווער קען, ווי איר, באצירן בעסער
די קעפּ מיט אזא קערנער־קראנץ
און גיין, ווי איר, אנטקעגן מעסערס
מיט אלע זאנגען ווי צום טאנץ.

ווער קען נאָך פולער זיך צעגעבן,
ניט ווערן אפּן ווינט צעשיט
און ווי דעם אָנהייב פונעם לעבן
באגעגענען די צײַט פון שניט.

1965

## די מילדקייט פון שניי

דער שניי, וואָס ליגט פאַרטריבן
אין פעלד, אין דעם געפריר,
איז ווי א ניט פאַרשריבן,
א ליידיק שטיק פּאַפּיר.

דער ווינט — פון סטעפּ דער פּאָרעץ —
נאָר טוט אים ווילד א ריס,
דער ראָב נאָר — דער אמהאָרעץ —
אים פּינטלט מיט די פיס.

און ס׳בלייבט דער שניי־בלאַט, דאכט זיך.
אף שטענדיק פּוסט און הויל.
וואָלט כאָטש אף אים געשוואָרצט זיך
דער סימען פון א קויל,

א פּונק פון עפּעס ווארעמס
וואָלט כאָטש אין אים געהעלט...
נאָר ליגט דען ניט געאָרעמט
דער שניי מיט אַט דער וועלט?

אומזיסט, מײַן זעל, די לײדן,
פאַר לײדיקײַט — די פּײַן,
דו לערן זיך באַשײדן
באַ אָט דעם שנײ צו זײַן.

ווען ס׳וועט פון אים ניט בלײַבן
קײן שפּור, וועסט ערשט דערזען:
ער האָט געהאָלפן שרײַבן
דער ערד מיט יענער פּען,

וואָס אויסדערצײלן ס׳קען נאָר
מיט גראָז, און צוויט, און כײן,
מיט שטראַלן, דופטן, טענער
דאָס לעבן דאָך אַלײן.

און וועסט אין שנײ־בלאַט ווײַסן
דערזען די ערשטע זײַט,
ווו ס׳הײבט זיך אָן די מײַסע
פון פרילינגגדיקער צײַט.

**1964**

## צום רעגנבויגן

צי בלייכער כ׳בין פון דיר דען, רעגנבויגן,
איך ברעך זיך אויך אין וואָלקנס ליכטיק איבער,
מיט טויען־פּײַערן איז גיי איך דיך אריבער,
און עס פארוועטן מיט דײַן בלוי זיך מײַנע אויגן,
און מיט דײַן ראָז — מײַן טרוים, און מיט דײַן גין — **מײַן זינען**;
און רויטס, און גאָלד, און פּורפּור־קארמעזינען
מער, ווי אין דיר, אין מײַנע לײַדנשאפטן רינען.
און ווען אין הארץ, וואָס הערט ניט אוף צו ליבן,
עס ווערן דײַנע זיבן ספּעקטאָר־מינעס
געקייפלט מיר אף זיבעציק מאָל זיבן,
וואָס ביסטו קעגן פארב פון מײַן באגער,
אנטקעגן גרויסקײַט מענטשלעכער פון טרער —
א האלבער רינג, א האלבער קרײַז, ניט מער!

דערפאר דערמאָנסטו מיר מיט אלע דײַנע פארבן
דעם הויך פון פאווע גאָר, וואָס איז שוין אָפּגעפלויגן,
דעם שוואנען־האלדז, וואָס האָט זיך אויסגעבויגן
אף אויסצובלוטיקן זײַן ליד שוין ערעוו שטארבן,
צי די צעריסענע גירליאנדע אין איר וויאנען.

נאָר איך, ווען כ׳פּלעכט מײַן אָרעם, ווי א פּלאַנץ,
מיט אָרעמס פּרוכטיקע פון טײַערער צוזאמען,
פאַרגאַנצט זיך דאַן דער קרײַז פון לעבנס־קראַנץ
אַזוי אַרום דער ערד, אַז ס׳בליִען וועגן.
דו ביסט דער אָנזאָג נאָר, און איך — אליין דער רעגן.

1962

## דער באָפּעל

װי נאָר עס פֿעלט אין רעגנבױגן זיך אײן פֿאַרב,
באָפֿעלט די זון אים זעלבסט: „פֿאַרגײ און שטאַרב!“

**1956**

# פאַרשפּאָרט א גאַנג

כ׳האָב הײַנט דעם ווינט פאַרשפּאָרט א גאַנג —
באַרירט מײַן אָטעם האָט א זאַנג,
געהוידעט אים אהין, צוריק
מיט קערנער, ווי א קינדער־וויג.

כ׳האָב צוגעלייגט מײַן האַרץ צום יאַם,
אַז ער ניט בושעווען זאָל סטאַם,
נאָר גוט זיך א צעכוואַליע טון
פון שוואַרצן אָפּגרונט צו דער זון.

איך האָב מײַן אויג צעפּראַלט אזוי,
אַז איבערגיין סע זאָל אין טוי
און העלפן עפענען דעם שויס
פון א דערווײַל פאַרמאַכטער רויז.

כ׳האָב פון דעם לײַב און ביז דער זעל
פון זיך א סטרונע אופגעשטעלט,
זיך אָנגעצויגן אף דער וועלט,
אַז הערן זאָל זיך אין איר גאַנג
דער ריינער קלאַנג, דער מענטשן־קלאַנג —
כ׳האָב הײַנט דעם ווינט פאַרשפּאָרט א גאַנג

1964

## אָן רו

אויך ווינטן ערעוו אָנהייבן צו בלאָזן
פארגעסן זיך, מע זעט עס לויט די גראָזן,

און אויך דער יאם, ביז ער צעשפּילט זיך ווילד,
רוט אין פארקלערטער בלויקייט אײַנגעהילט.

און נאָר דעם הארץ איז רוען ניט געגעבן,
און צווישן שלאָג און שלאָג עס קעמפט פאר לעבן.

איין רעגע רו — און אלץ איז שוין פארפעלט —
אויס הארץ, אויס וועלט.

1963

## די מאָס פון זאכן

מענטשלעך איז די מאָס פון אלע זאכן,
און איידעס וועגן דעם סע זאָגן פאכן.

אין שוסטערײַ מיר מײַדן אויס די ענגשאפט,
אין קאָסמאָס־פלי מיר קירצן אונדזער בענקשאפט,

אין דעם געניי זיך מאָלט פון לײַב די שיינקײַט,
אין קנעטן ליים קלעפּט אויס זיך אונדזער ריינקײַט,

אין ציגל־ברען בויט אויס זיך אונדזער טרײַהײַט,
און אונטער פאָן שפאנט איַין זיך אונדזער פרײַהײַט.

ס'איז מענטשלעך קלוג די מאָס פון אלע זאכן,
נאָר זוכן זי אין וויינען און אין לאכן,

נאָר לעצטע מאָס פאר אונדזער הארץ געפינען —
דאָס לייגט זיך, כ'לעבן, גאָר ניט אפן זינען.

1963

## לעוואַנע־פײַער

ס׳איז די לעוואַנע ווײַס אזוי צעגליט,
אז ס׳דוכט, די פרילינג־נאכט איז אָפּגעבריט
אינגאנצן מיט איר נאקעט־יונגער ליכט,
סע כאפּט די ערד דעם שניט פון איר געזיכט,
סע פאלן שטערן גרין, ווי אירע פונקען,
און ווען סע ווערט דער טײַך מיט איר באטרונקען,
דאן זעט מען, ווי זײַן כוואליע מאמעש זידט.
ס׳איז די לעוואַנע ווײַס אזוי צעגליט,
אז ווען סע פאלט אף הוילינקע נאָך צווײַגן
אראָפּ די שײַן, איז שנײַדט זי זיך, ווי צוויט,
און אויך אין מיר, אין מײַן פארצויבערט שווײַגן,
זי איז שוין ווי דער אופבליץ פון א ליד.

1963

# א פֿאָלקסטימלעכע ליד

מאַטראָס שוואַרציאַמישער מיט באָכערישע רייצן,
איך בין פֿאַר דיר א נאַריש מיידעלע, מיסטאָם,
נאָר ס׳ווײַזט מיר אויס דער בלויער קאָלנער אויף דײַן פּלייצע,
ווי א מין כוואַליע א פֿאַרטראָגענע פֿון יאַם.

ס׳לויכט, ווי א שלײַענדל, דײַן אָנגעמאָלטער אַנקער,
ווען ס׳טוט דער ווינט דעם כוואַליע־קאָלנער א צעוויג.
זאָג אויס, מאַטראָס, נו, עפּשער ברענגסטו מיר, מײַן שלאַנקער,
אַצינד יענץ פֿישעלע דאָס גאָלדענע פֿון גליק.

זע, צו דײַן האַלדז עס קען מײַן אָרעם שוין דערלאַנגען,
איך וועל א גלעט טאָן נאָר דײַן אַנקערל דײַן צאַרטס,
ס׳איז מיט דרײַ שפּיצן מיר אין ברוסט אַרײַנגעגאַנגען,
און אויפֿגעהאַנגען אייביק בלײַבט אויף דעם מײַן האַרץ.

נאָר אַז געהאַלדזט כ׳האָב דיך, איז זאָלסטו זיך ניט רימען,
מיך, ווי א זעגל, בייגט דער ווינט צו דיר אַראָפּ,
כ׳בין דאָך א קינד, וואָס קען אויף יאַמען נאָך ניט שווימען,
איז האָט א ביסעלע פֿאַרדרייט זיך מיר דער קאָפּ.

1962

## דאָס רעדעלע...

ליבע, רעגן און ווינט
האָבן מיך אויסגעטרערט,
און איך לעב, כ׳בין דאָס קינד
האלב פון זון, האלב פון ערד.

נאָר אָט וועלקט שוין... אָט שנייט...
שארפער שווארצט זיך די קראָ,
ערד און זון — שוין פארוויט,
און אויך איך — שוין ניטאָ.

נאָר ווען פרילינג שוין וועט
טאָן דאָס איינע א צעלאָז,
בייג זיך אָן, טו א גלעט,
ווי דיין ברודער, דאָס גראָז.

1964

## די ווײַסע טויב

אַזאַ שטיל־ווײַסע טויב האַרציק זיצט אויף מײַן קאָפּ,
צי די עלטער פֿלעכט אויס זיך אַ נעסט אין די האָר, —
און איך וויס, ווי זי פֿליט אין די הייכן נאָר אָפּ,
פֿאַרנעמט זי מיט זיך דאָן מײַן בינטעלע יאָר.

נאָר מיר דוכטן ווערט דאָן, אַז איך טרײַב גאָר פֿון דאַן
מײַנע טויבן, ווי כ׳פֿלעג אין דער קינדהײַט עס טון,
אַז גאָר ייִנגלשדיק גליקלעך איך פֿריי זיך און לאַך,
וואָס זיי ווערן פֿאַרלוירן צווישן הימל און זון.

1960

## מאָרגן

מאָרגן וועל איך אופגיין נײַגעבאָרן,
ווי ס׳גייען פון די נעכט ארויס קאיאָרן,
מיט צוויי אויגן — מאָרגנשטערן פריִע,
אין א ראָזן מאנטל פון דער שקיִע,
מיט א גליקלעך פעלד אין הארץ דעם גרינעם.

מאָרגן וועל איך זיך אין טוי צערינען
איבער בלעטער־טעלער, בלומען־קריגלען,
וועט מיט מיר די וועלט זיך דאן פארכלינען,
און עס וועט די זון אין מיר זיך שפיגלען.

1958

# הארבסט אין פעלד

אין פעלד נאָר ווײַזט דער הארבסט זײַן פול געמיט,
כ׳האָב ליב אין פעלד צו זײַן מיט אים אינצווייען,
דאָ שענקען שענקט ער, ווי דער זומער נאָכן שניט,
און בענקען בענקט ער, ווי דער פרילינג ערעוו זייען.

און שפּינוועבס־פּעדעמלעך דער הארבסט נאָך זיך עס ציט,
קעדיי א טויען־טרער מיט זיי זיך אַפּצווווישן,
ער דרײַט שוין אָן אזוי אף שנייען און אף צוויט,
און אלע צײַטן פונעם יאָר אין אים זיך מישן.

אין יעדער סקירדע איז א ביניען אים געבויט,
ווו איבערווינטערן עס קען זײַן צארטער גינען,
און ער איז וואָר, ווי סקירדע־כאטקעלעך פון ברויט,
און אומגעריכט ער קען, ווי זיי, פון סטעפּ אנטרינען.

אין זײַנע ווינטלעך טאקע מוטערלעך זיך הערט
די ליד דער שניטערנס, וואָס וויגט שוין אײַן די רוימען,
און אויך דער רוף פון נאקעט־ליגנדיקער ערד,
וואָס ווידער לעכצט נאָך גײַער ליבע און נאָך זוימען.

נאָר אינעם פעלד ער ווייַזט זייַן נאָגנדיק געמיט,
כ׳האָב מיט דעם הארבסט אזוי געבענקט דאָ הייַנט אינצווייען.
בא מיר איז אויך נאָך אלעמען, ווי נאָכן שניט,
און ערעוו איז בא מיר, ווי פאר דעם זייען.

1964

# דער טאָגבוך פון האַרץ

## מייַן הוידלקע

מייַן הוידלקע הענגט, ווי א פויערשע וויג,
צו הייך צוגעבונדן מיט אלע פיר שטריק —

און ניט צו קיין באלקן — צו זון און צו רוים,
זי הענגט צוגעבונדן צום קינדערשן טרוים,

און ס׳וויגט זי דאָס הענטל פון יינגלשער צייַט,
די ווינטן פון דאָרעם, די בלויקייַט פון וווייַט,

און ס׳דאכט זיך, אז אלץ איז געוועגדט אין מייַן גוף,
אז פליען איך וועל נאָר פאָרויס און ארוף.

א ריס, און פאָרויס און פון ערדישן שויס
איך רייַס מיט די אויגן, ווי קווייטן, ארויס

די וועלדער און פעלדער, דעם בארג און דעם טייַך,
און, וויגנדיק, שפילנדיק, הייב איך זיי לייַכט

צו די שטראלן ארוף, צו די וואָלקנס ארוף,
און ס׳דאכט זיך, אז אלץ איז געוועגדט אין מייַן גוף.

און ס׳דאכט, ס׳איז אינגאנצן איין פויגל די וועלט,
ווי שיין איז מײַן פויגל צוזאמענגעשטעלט:

זײַן קאָפּ איז יענץ בערגל, זײַן שנאָבל — דער טײַך,
די פליגלען — די לאָנקעס, וואָס מינען זיך רײַך,

זײַן רוקן — די וועלדלעך, דער הימל — זײַן עק,
ער טראָגט מיך צו גאָלדענע גליקן אוועק.

הוידלקע טײַערע, פלי ניט צוריק,
הוידלקע, לעש זשע ניט אויס מיר מײַן גליק.

נאָר וואָס איז דאָס בעטן, אוי, נארישער קאָפּ,
הוידלקע — הייסט דאָך ארויף און אראָפּ.

כ׳האָב ניט געוווּסט נאָך ווו אײַן און ווו אויס,
אז אויך איר צוריקער דער ריס איז פאַרויס,

אז שטריק און אז ברעטער, געבונדן צום דראנג,
פארמאָגן אויך זייער געזעצלעכן גאנג,

ווי צופלוס און אָפּפלוס פון לעבן, וואָס פלייצט,
און איך האָב געמיינט גאָר, זי שפילט זיך און רייצט.

א פלי געטאָן האָב איך אריבער איר זײַל,
געפאלן, ווי גלײַך א צעבראָכענע פײַל.

פארשניטן איין ערד זיך מיט רוק און מיט לענד,
נאָר ס׳האָט יענער פויגל אויך דאן מיך געבלענדט,

געריסן מיט נעגל בא מיר זיך פון הויט,
געגעבן צו וויסן, אז ער איז ניט טויט.

8—289

אוועק זיינען יאָרן, און וועגן פאַרגאַן,
געוויגט האָבן וועלטן זיך גאַנצע פון דאַן,

געהוידעט אין מיר זיך, געפאַלן אין בראָך,
אפּסנײַ אופגעשטאַנען און הוידען זיך נאָך.

נאָר דיך זע איך אַלץ נאָך אויף ווינטן אויף פיר,
מײַן הוידע, געמאַכט פון אַ הילצערנער טיר,

דו עפנסט מיר שטענדיק דעם טרוים פאַרן בליק,
דו ציסט מיך און האַלדזסט מיך מיט אַלע פיר שטריק,

דו יאָגסט מיך פאָרויס און צוריק צו מײַן וויג,
מײַן הוידלקע־פּײַן און מײַן הוידלקע־גליק.

1965

## באם פארפרוירענעם פענצטער

א באָרוועס קינד, איז זיץ איך אָפּ א ווינטער
באם פענצטער דעם פארקאָוועטן פון קעלֿט,
פונוואנען ס׳ווייט מיט שטילקייַט פון א צווינטער.
כ׳וואָלֿט אויך געוואָלֿט א קוק טאָן אףֿ דער וועלֿט,
איז האָט דער פראָסט דעם דרויסן מיר פארשטעלֿט
מיט אָנגעמאָלֿטע צווייַגן, קרענץ און בלֿעטער,
און ס׳דוכט, ער רעדט צו מיר, ווי א מין שפּעטער,
מיט א צולֿאָכעס־שטעכנדיקער שפּראך:
„פון אָט די צווייַגלֿעך וועסטו דאָך קיין סכאך
ניט אָנברעכן, א פּייַערלֿ ס׳זאָלֿ העלֿן“.
און ס׳שרעקן מיך די שנייִיקע געמעלֿן,
זיי זייַנען, דוכט, דער טרויער־קראנץ, וואָס לֿיגט
שוין אףֿ מייַן אָפּגעשטאָרבן קינדער־גלֿיק.

און כ׳הייב זיך אָן צו ראנגלֿען מיט דער קרירע,
איך הויכקע אףֿ די שויבן, אָטעם, בלֿאָז,
ביז ס׳טייַען אָפּ די קאלֿטע קווייטן אירע,
דורך דינעם הייַטלֿ אייַז שוין גרינט דאָס גלֿאָז,
ווי דורכגעהאקט מייַן דעך וואָלֿט א פּאַלֿאָנקע
צום פרילֿינג־צו, און אָט שוין גרינט א לֿאָנקע.

נאַר שטאַרקער פֿון מײַן אָטעם איז דער פֿראָסט,
און ווידער ווערט די שויב מיט אײַז פֿאַרצויגן,
און כ'וואָלט אַצינד צעוויינט זיך פֿאַר פֿאַרדראָס,
ווען כ'שרעק זיך ניט, אַז אויך מײַן טרערן־גאָס
פֿאַרפֿרוירן ווערן וועט אויף מײַנע אויגן,
ווי אָט די קרענץ אויף שויבן, פֿון דער קעלט,
און אייביק וועט מײַן ליכט שוין זײַן פֿאַרשטעלט.
און ס'נעמט מיך דורך אַזאַ מין גרויל אין רוקן,
אַז נאָך ביז הײַנט, אוי, ווי כ'האָב פֿײַנט צו קוקן
דורך אַ פֿאַרפֿרוירן פֿענצטער אויף דער וועלט.

1965

## ווארעמע סטעזשקעלעך

גראדע איצט, ווען כ׳קאָן שוין באָרוועס לויפן
און מעג זיך שוין קיין שיכעלעך ניט קויפן,

אָנגעשניטן האָט פאר מיר די וועסנע־מאמע
ערעוו־פייסעכדיקע סטעזשקעלעך פון סאמעט.

גיב איך נאָר א טרעט א פראָסטן — אָן שום קאָסטן
טו איך אָן מיר שיכעלעך ווי אָנגעמאָסטן.

אוי, אן אוישער! כ׳קען אפילע צווישן גראָזן,
וויפל נאָר סע גלוסט זיך מיר, זיי איבערלאָזן;

ווער קען נאָך דען, כוץ דער ערד, זיי איבערציילן?
לויף איך קינדער באָרוועסע מיט זיי באטיילן.

יעדער שיכעלע איז לײַכט, און פײַכט, און קילינק.
גיי איך מיר מיט זיי ארײַן אין שיינעם פרילינג,

גיב מיט זיי אף יעדן בוים פארשײַט א קלעטער,
טו זיך אָן אין גרינעם בעגעדל פון בלעטער.

און פאר סימכע, פאר אשירעס און פאר טומל
איך פארגעס אף יעדן פלויט א גרין קאָסטיומל.

מײַן האלבאָשע קען דער ווינט נאָר איבערציילן,
לויף איך קינדערלעך די נאקעטע באטיילן.

אויס מיט שמאטעס, ווו די קינדער־יאָרן וויאנען,
ס'איז די וועלט מיט אזא בעגעד מיך מעקאנע,

ס'האָט די זון מײַן העמדעלע מיר צוגעשניטן,
אופגעניייט מיט שטראלן עס פון בליטן־צוויטן,

און די הייזעלעך — פון גרינסן, פון געשפינסן, —
ניט קיין מאלבעש — א געווינס איבער געווינסן.

אויסגעפוצט אין אזא קלייד, אָן זאָרג, אָן קומער,
גיי איך מיר אזוי ארײַן אין טיפן זומער.

בלעטער־קעשענעס בא מיר, ווי ברייטע רוימען,
פול די בלעטער־קעשענעס מיט קארשן, פלוימען,

פול מיט ווײַנשל, עפל, פערעשקעס און בארן,
און מיט אלץ, נאָך וואָס קינדייסימלעך זיך גארן.

נאָר דער הארבסט קאָן מײַנע פיירעס איבערציילן,
לויף איך הונגעריקע קינדערלעך באטיילן,

יאָג איך אלע נויטבאדערפטיקע דערקוויקן,
אָרעם קינד, דו האָסט געוואָלט א וועלט באגליקן.

1965

## דער מאמעס קאָשעקל

דער מאמעס קאָשעקל, פון שטעקעלעך געדרייט,
איז ווינטער אויסגעמאָגערט, אויסגעהונגערט, טרוקן,
אַן אָרעמס ליגט עס, נעבעך, אומעטיקערהייט,
אַז, בענעמאָנעס, א ראכמאָנעס איז צו קוקן.

נאָר, אוי ווי פריילעך, אוי ווי לעבעדיק סע ווערט
פאר אונדז, קונדייסים, אין די זומער־אינדערפריִען,
ווי זײַנע שטעקעלעך דערפילט וואָלטן די ערד
און ס׳וואָלט דאָס קאָשעקל דער מאמעס זיך צעבליִען.

און אָט פאריכט זיך עס, נעמט אף זיך לײַב ארוף,
ווערט אזוי בײַכיק, קיין אײַנהאָרע, מעובערעס,
און אונדז צו מאזל גייען טאקע בא דעם אוף
אוועלכע אויבסן, וועלכע גרינסן, וועלכע פיירעס!

די ווײַנשל, רייצנדיק, זיך ציִען פּאָרלעכווײַז,
כאָטש טו אף אויערן זיך אָן זיי, ווי קארעלן,
ראָשכוידעש־רעטעכלעך זיך כיינדלען רויטלעך־ווײַס,
ווי גלײַך זיי ווילן די שאלאטן גאָר געפעלן.

און פֿרישע אוגערקעס מיט בראָדעווקעס אַף נעז
זיך שטרעקן אויס, באַשמעקנדיק, ווי בלינדע הינטלעך,
די שאַרפֿע מילכיקייט פֿון ברינדזע און פֿון קעז,
און ווײַל־דערקוויקנדיק און דופּטיק ווייען ווינטלעך

פֿון בלאָנדע פּערעשקעס, פֿון פּעטרישקע און קריפּ,
און נאָר דאָס קאָשעקל באַווײַזט אָט די כּידושים,
מיט ליפּן אָפֿענע עס בעט זיך: „האָב מיך ליב!!“
זײַן יעדער שטעקעלע סע גלוסט זיך אויסצוקושן.

אַף אַלדאָס גוטע איך פֿון קאָשעקל זיך ריכט,
דאָס האַרץ דאָס קינדערשע ניט האָבן קען קיין טאָעס,
ווו ס׳האָט די האַנט דער מאַמעס נאָר זיך צוגערירט,
דאָרט מוזן זײַן דאָך גאָלע ניסים־וועניפֿלאָעס.

1965

## באם אלטן נוסנבוים

ווי אין די שול־יאָרן (עס גלייבט זיך עפּעס קוים)
כ׳שטיי ווידער בא מײַן אלטן ליבן נוסנבוים,
ס׳איז ערשט ניט לאנג אַף אים זיך דורכגעגאַן א רעגן,
און ער שטרעקט גאסטפרײַנטלעך די בלעטער מיר אנטקעגן.
ווי שעלעכער, פארפולט מיט טוי און דופט,
און טרינקט מיך אָן און, ווי א זיידע, וויל מיך רופט
זיך ווידער קינדעריש און יאָמטעוודיק דערפילן,
זיך ווידער פרייִלעך ווי אמאָל אין ניס צו שפּילן.

זײַן בלאט אין קוועקזילבער פון רעגן נאָך זיך טונקט,
ווי פון א שפּיגעלע פון אָט דעם בלאט מיר ווינקט
מײַן אייגן פּאָנעם עפּעס ליכטיקער און לינדער,
אָן קנייטשן ווייטעקלעכע, זאָרגלאָז ווי בא קינדער,
און ס׳דאכט, ווען אָפּגעריסן ווערט איצט אומגעריכט
גאָר אָט דער בלאט, ווו טראָפּנדלעך נאָך גלאנצן,
וואָלט אָפּגעריסן ווערן דאן אינגאנצן
פון אָט דער שיינער גרינער וועלט אויך מײַן געזיכט.

1965

## דאָס זומער־פייגעלע

וואָס איז דיר, פייגעלע, נאָר ארום מיר דו קרײַזסט,
קומסט ווי א הארץ א פלאטערדיקס זיך אויסצוריידן,
און ס׳פּאָכען דײַנע פליגלען, ווי צוויי טיכלעך אזוי ווײַס,
ווי ס׳טוט דיר צוויי מאָל ווי מיט עמעצן זיך שיידן.

און ארום זיי א שווארצע זוים אף שטענדיק איז פארנייט,
כאָטש הימלען קוקן איבער דיר, ווי ריינסטע שפּיגלען,
וואָס איז געשען בא דיר, מײַן פייגעלע, אוועלכע לייד,
אז ס׳איז דײַן טרויער דיר ארײַנגעוואקסן אזש אין פליגלען.

1965

## מאטיִאָלע

דעם אָנדענק פון סאָפיען

האָסט שטענדיק דאָך געליבט די מאטיִאָלע,
זי איז די צניִעס, די באשיידנקײַט אַליין,
ניט ווי די קווייטן, וואָס אף ווײַזן מע איז שיין,
זיי גיבן אזש ביז רויטן לײַב זיך א פארהאָלע.

פונקט ווי א טשיפּיקל זי ציט די ווײַסע בלעטלעך
אראָפּ אזוי, אז ס׳איז זי גיט ארויסצוזען,
ווי גלײַך באטאָג זי וואָלט אין לעבן ניט געווען,
ס׳זאָל אויך די זון ניט שרײַבן איר קיין ליבע־צעטלעך.

און נאָר באנאכט, פון יעדן זײַטיקן באהאלטן,
זי דופט איר איידלקײַט ארויס. לויט ווי זי שמעקט,
מע פילט, אז דאָ אין איר די שיינקײַט זיך שוין עקט,
ווײַל מיט דעם אויג וועסטו זי קיינמאָל ניט פארהאלטן.

ביסט, מײַן געליבטע, איצט שוין נאָר נעשאָמע גאָלע,
דו ביסט געווען אמאָל און וועסט שוין מער ניט זײַן,
און דאָ איז נאָר אין מיר דײַן ריינקײַט, טרײַהײַט, פײַן,
און ביסט אינגאנצן שוין ווי יענע מאטיִאָלע.

1966

## באָם זיידן מוישען אף קייווער־אָוועס

איך קער זיך אום צוריק פון קייווער־אָוועס,
ווען ס׳שלאָפט נאָך גאָט אליין, סע שלאָפט די וועלט,
ווען וואך נאָר זייַנען איך מיט די מאכשאָוועס
און פּאסטעכער מיט טשערעדעס אין פעלד.
איך שפּאן אראָפּ פון בארגיקן בעסוילעם —
פון בארג, ווו דער אראָפּגאנג איז אויך שווער,
ווו ס׳ליגט מייַן ליבסטער אויצער טיף פארהוילן.
און אלעמאָל זיך טוט מייַן קאָפּ א קער
אהין צו דער מאצייווע פון מייַן זיידן —
א שטיין, וואָס שטייט פארקייַלעכיקט באשיידן
אף אָט דעם קוואָרעס־פעלד באַם סאמע ראנד,
ווו ס׳איז שוין צו דערלאנגען מיט דער האנט
צו לעבעדיקע לאָנקעס, פול מיט קווייטן.
און ס׳דאכט, אז ניט דער שטיין — מייַן זיידע שטייט,
צו מיר איצט מיט די פּלייצעס אויסגעדרייט,
און הערט ניט אוף פארליבטערהייט באגלייטן
די פי אין פעלד. אזא איז זי, זייַן רו,
אזוי עס פלעג מייַן זיידע זיך שוין פירן,
צי האָט ער יאָ צי האָט ער ניט זייַן קו,
נאָר שאבעס מוז ער גיין אין פעלד שפּאצירן.

ארויס דער שטאָט האָט ער געפילט זיך הי —
פּאַרט נעענטער צו טשערעדעס מיט פי.
א טײַנעג איז בא אים פאר זיי זיך פליִסן,
א הויפן זאפטיק גראָז זיך אָנצורײַסן
און האָדעווען, נו טאקע ווי א קינד,
אָט גלײַך פון פולע זשמעניעס א רינד
און פילן, ווי דאָס גראָז איז צערטלעך־לינד,
און שפירן, ווי די מאָרדע פײַכט און ווארעם
זיך טוליעט אײַן אין הענט, ווי אין זײַן ארעם,
און אָטעמט זיך צו אים אין הארץ ארײַן
צוזאמען מיט דעם סטעפּ און מיט דער שײַן.

---

פונקט ווי אמאָל איז אויך דער סטעפּ אצינדער,
און פונקט ווי דאן — באשיט מיט שאָף און רינדער:
אָט טינקעווען דעם דרויסן, ווי מיט ליים,
ווי גלײַך זיי מאָלן אויס פאר אונדז א היים,
די קי מיט זייערע געלבלעך־רויטע פעלן —
אן אָנזאָג אף א טאָג א זוניק־העלן;
סע בלאָנקען אום, פארטאָן אין טיפן אָל,
די שעפעלעך און ווארעמען מיט וואָל
די ערשטע, דוכט זיך, אָן איצט דעם פרימאָרגן.
נאָר אָט צעווייען ציגן אלע זאָרגן,
דאָ שפרינגענדיק און שאָקלענדיק מיט בערד,
ווי נאָר פאר זיי ניט בלײַבן וואָלט פארבאָרגן
דער סאָד פון פרײלעך לעבן אף דער ערד.
און אויך מיט סטאדעס נעמען, דוכט זיך, בלאָנקען,
ארומיאָגן אף בערג און טאָל די לאָנקעס
אזוי, אז זיי אנטקעגן שפּראָצט ארויס
אליין די זון אויך ווי א סטעפּן־רויז.

און דאן עס הייבט זיך טאקע אָן צו גלויבן,
אז ס'שטייט מײַן זיידע אפן בארג, דאָרט אויבן,

און ווען איך וואָלט פֿאַרקערעווען צום פֿעלד,
וואָלט ווידער זיך פֿאַר מיר אוועקגעשטעלט
בענימעסדיק זײַן הייס־פֿאַרכידעשט פּאָנעם,
וואָס באָדט זיך אין זײַן כוואַליעדיקער באָרד,
און ווידער רײַסט ער גראָזן אָן זיך דאָרט,
און ווידער נערט ער גלײַך פֿון זײַנע דלאָניעס
אַ רינד, וואָס אָטעמט וואַרעם־פּײַכט אַרײַן
אין אים דעם סטעפּ, די לופֿט, דעם טוי, די שײַן.

איך ווייס, אַז דאָס איז נאָר אַ טרוים, מײַן ליבער,
אַז אַלעס איז שוין לאַנג פֿאַר דיר פֿאַריבער
און אַז אַ טרוים דאַרף האָבן אויך זײַן מאָס,
כ׳ווייס, ס׳איז אין טויטער רו דײַן יעדער אייווער,
נאָר איינס קענסט נאָך פֿאַרגינען זיך, וואָס־וואָס —
אַ שעפּעלע קענסט האָדעווען, דײַן קייווער
איז דאָך אַזוי פֿאַרוואַקסן שוין מיט גראָז.

1968

## מײַן זיידע זאַלמען דער וואסערפירער

### 1. מײַן זיידנס זשילעטל

כ׳קען שווערן, מיר איז א יאָר דרײַ נאָר דאן געוועזן,
ווען כ׳האָב דאָס ערשט־און־לעצטע מאָל געזען מײַן זיידן,
ווען פאר א קינד איז אלץ איין לעבעדיק, ליב וועזן,
ווען זאך פון זאך נאָך וויל דאָס הארץ ניט אונטערשיידן

איצט גייט מיר אָפּט דאָס כּײַעס אויס זיך צו דערמאָנען
דעם זיידן זאלמענען פון זאמעכאָוו — זײַן שטעטל,
און אלעמאָל, ווען כ׳פּרוּוו זיך פאָרשטעלן זײַן פּאָנעם,
טוט באלד א שפּרונג מיר אין די אויגן זײַן זשילעטל.

און ליכטיק־געל איז דאָס, א פּוכיקס און א ווארעמס,
און מיט לעוואָנעלעך באשפּרענקלט ווײַסינק־קלאָרע,
פּונקט, ווי א קעלבעלע, באשמעקט עס זײַנע אָרעמס
און טאנצט אף פּלייצעס זײַנע ברייטע, קיין אײַנהאָרע, —

יאָ, ווי א קעלבעלע, וואָס קען זײַן וועלט פאַרטרויען
דעם וואסערפירער, וועלכער ווייסט, ווו קוואלן ראשן,
ווי ס׳וואָלט מײַן זיידע אף די הענט עס טראָגן פּויען,
ווי אף די אקסלען וואָלט ער טראָגן עס אף פּאשע.

און וועדליק ס'איז זיך יענץ זשילעטל פרײַ און מונטער
ארומגעגאן אף זײַנע לאַפּעטקעס די גראַמע,
דערמאנט עס מיר ניט נאַר זײַן פּלייצע די געזונטע,
נאַר אויך זײַן ברייטע וואסערפּירערשע נעשאַמע.

און אף דער דינסט בא אים, בא ברונעמס און פּאַלאַנקעס
איז דאָס אין אים ארײַנגעוואקסן ביז דער ענד שוין.
און ווערט מען איינס צום צווייטן היימיש צוגעלאַנטשעט,
איז ווערן זאכן דעמלט ענלעך אפן מענטשן.

מיר דאכט, ווען אַנטאַן כ'וואָלט יענץ לעבעדיק זשילעטל
מיט די לעוואַנעלעך, כ'וואָלט ווידער זען, מיסטאָמע,
מײַן מילדן זיידן אין זײַן אומגעבראכטן שטעטל, —
דעם וואסערפירער מיט זײַן פריילעכער נעשאָמע.

## 2. דעם זיידנס ברונעם

מײַן זיידע זײַן כאיונע האָט געשעפּט
פון פולן אונטערשטעטלדיקן ברונעם,
דרײַ מאָל אין טאָג ער פּלעג אהערצו קומען —
אין טיפער פרײַנטשאפט האָבן זיי געלעבט.
דער זיידע האָט זײַן הארץ דאָרט אויסגעגאָסן,
און פּולער נאָך דער ברונעם איז געפּלאָסן
אריבער ראנד, געהויבן, דוכט, זײַן קאָס,
צו טרינקען א לעכאיִם מיט דעם גראָז.

דער מענטש, איך זאָל קיין ליגן איַיך ניט זאָגן,
וואָס האָט, מיסטאם, א יאם איבערגעטראָגן
מיט וואסער אין די קאנען אף די הענט, —
וואָס איז באשענקט געווען מיט שיינער גוורע
און קילן, שטילן יעדנס דאָרשט געקענט, —

דעם מענטש דערפאַר האָט אָפּגעדאַנקט פּעטליורע
און האָט אים מיט זײַן אַלטיטשקער פאַרברענט;
פאַרברענט אים מיט זײַן וועגעלע און פּעסל,
פאַרברענט אים מיט זײַן שטיבעלע און געסל,
ניטאָ אף אים קיין בערגל, ניט קיין שטיין,
ניטאָ אַליין זײַן דאָרשטנדיק געביין.

און פאָרט איז עפּעס דאָך פון אים געבליבן,
וואָס ניט אוועק מיט רויך איז און מיט ווינט —
זײַן ברונעם, וואָס ער פלעג אין אים זיך ליבן,
ער איז נאָך דאָ, און קוועלט, און שפּילט, און רינט.
א לעבן פלעג דער מענטש אף אים זיך בויגן,
איז שפּיגלען זיך אין וואסער אונטער ליכט,
מיסטאם, ביז הײַנט נאָך דאָרטן זײַנע אויגן,
זײַן שווערע מי, זײַן האַרץ און זײַן געזיכט;
ווערסט זען דאָ, וואָס דער אַלטער פאַר א גוואַר איז,
ניט אַלעס זײַנס געטייט איז ביז דער שפּענט,
דעם זיידנס ברונעם פול איז ביז די כמאַרעס,
דעם זיידנס ברונעם האָט מען ניט פאַרברענט.

1967

## פֿאַרשיידענע גורלות

אַזוי איז דעם טײַך שוין באַשערט —
פֿון באַרגיקער ברוסט זיך צו נערן
און אויסגײן אַ וועלט אויף דער ערד,
נאָר מער צו זײַן קוואַל זיך ניט קערן.

און ווי ס׳זאָל ניט ציִען אים שטאַרק,
איז קען נאָר זײַן בענקשאַפֿט אים פֿירן
אַלץ ווײַטער פֿון אייגענעם באַרג,
ער זאָל אין דעם יאַם זיך פֿאַרלירן.

נאָר איך — אָט דער טײַך, וואָס געצאָלט
האָט שטײַערן, דוכט, אַלע יאַמען,
פֿאַרטריקנט געוואָרן איך וואָלט,
ווען כ׳קער זיך ניט אום צו דער מאַמען.

1964

## דער כאָכעם

קום איך צו א כאָכעם גאָר א גרויסן
און איך בעט, אז ער זאָל מיר דערקלערן,
וואָס איז דאָ מיט זיך דאָס לעבן אויסן
און צו וואָס דאָס זײַן, קעדיי ניט ווערן.

מאכט ער: „האָט זיך עמעץ דען דערקליבן
צו דעם יאֶדער אָן אים אויסצושיילן,
ווען דו וועסט אין לעבן זיך פארליבן,
וועט עס דיר אליין זײַן סאָד דערציילן“.

1966

## א פראַגע צום קוואַל

כ׳בין געקומען צום קוואַל און געפרעגט
מיט א צונג, וואָס בריט, נישט צום קילן:
„עפשער קענסטו מיר ווײַזן דעם ברעג,
וווּ דעם דאָרשט פונעם האַרץ איז צו שטילן?"
פירט דער קוואַל מיך מיט טאָלן און בערג
און מיך לאָזט אפן וואסער פון יאמען,
וואָס איז ראַפּע־געזאַלצן ווי א טרער...
און מײַן האַרץ האָט זײַן ענטפער פארשטאַנען.

1957

# דער קערן

זיס איז די פּיירע פון לעבן,
נאָר ביטער איר קערן.
פאַרוואָס זשע דורך הויטן, וואָס גלעטן, זיך גרייט אָפּצוגעבן,
דורך ווייַניקן פלייש, ווו פאַרשיקערט דער זינען קען ווערן,
דורך שאָלעכץ דער האַרטער, וואָס איז ווי פון קופּער געגאָסן,
עס ציט מיך דער יאָדער, וואָס דרייַפּאַך און טיף איז פאַרשלאָסן,
פאַרוואָס ציט דער ביטערער קערן? נאָר גיי און באַרעכן,
פאַרוואָס ציט א ליבע, וואָס קען אויך דאָס האַרץ אונדז צעברעכן.

1957

## דאָס וואָרט

דאָס וואָרט — א קערנדל — איז הארט און רוי,
א בלאט צו ווערן — דארף עס הערצער־טוי,
אין זאנג זיך מערן — דארף עס ערד, וואָס בויט.
אין פאָלק ערשט לעבנדיק, דאן ווערט עס ברויט.

1960

## וואָרט־פּײַן

עפּשער די הארבסטע מיסע,
ווי אויסער רוים און אָרט,
איז אויסגיין אין פינצטערער טפיסע
פון ניט געפונענעם וואָרט.

1962

## די פּען

דאָס שאַרפֿע שטאָל פֿון אָט דער פּען
ווייסט אויך פֿון לעבן סאַמע צאַרטסטן,
ווען נאָר א קלונג טאָן ריין עס קען
מיט גאָלדן לאָשן פֿונעם האַרצן.

1960

## א ווּנטש

דעם פויגל ווינטש איך נאָר איין שטײַג –
זײַן אייגן הארץ הינטער די ריפּן,
זײַן ליד — דעם שוועב אין דעם געצווײַג
פון דיכטערס אופגעפּראַלטע ליפּן.

1960

## א דאנק

באהאנגען האָט א נאכט־שטראַל מײַנע װענט מיט גאָלד־געװעבן,
האָט צוגעגאנװעט זײ דער װאָלקן, ניט געװאָלט מיר שענקען.
א דאנק דיר, שטראַל, פאר אָט דער רעגע שײנקײַט אין מײַן לעבן.
דיר, װאָלקן, — אױך פאר דעם, װאָס כ'װעל נאָך איר א לעבן בענקען.

1963

## צו וואָס?

איך זע אף דער פעל פון א שלאנג אָנגעמאָלט (צי מייַן אויג איז זיך טויע?)
שטרייַפן פרימאָרגנדיק־זוניקע, שטרייַפעלעך אָוונטיק־בלויע,
צו וואָס אָט די שיינקייַט? אויב נאָר צו פארדעקן דאָס בייז איז זי נייטיק,
איז שענער דער שטיין, וואָס איך שלייַדער אין איר, וואָס באַשיַצט פונעם ווייטעק.

1963

## דער מושל

אין מושל פון פערלמוטער
עס פינקלט ווי עפּעס א טרערל,
זיך הערט ווי דער כליפּ פון א מוטער —
דער מויערקאָפּ בענקט נאָך זײַן פערל.

1960

## אנטראַציט

אויב אַנטראַציט
איז אַ טויטער וואַלד,
דורך טויט אויך גליט
דאָס לעבנס־געשטאַלט.

1963

## דער אנשלאָפּענער ווולקאַן

שוין לאַנג האָט דער ווולקאַן פֿאַרגעסן זיך אין שלאָף,
אין קראַטער זײַנעם שטיל זיך פּיטערן די שאָף,
און כאָטש דו זעסט נאָר א שוואַרצוואָליקע אָטאַרע,
דאָך דוכט זיך אויס, אַז ס׳רײַכערט אַלץ פֿון אים א כמאַרע.

1960

## דאָס גליווערעמל

ס׳איז דעם ווערעמל, וואָס גליט,
אויך דאָס גליק געגעבן
פאר זײַן לויכטנדיק געמיט
אין דער הייך צו שוועבן.

1961

## דער בלינדער רעגן

דער רעגן — ער איז בלינד פֿאַרבײַגעגאַנגען
אַ שטיק פֿאַרזייטע ערד — אַ זוימען־וועלט,
איז ווען עס וועלן טריקענען די זאַנגען,
וועט בלוטיקן מײַן האַרץ פֿאַר אָט דעם פֿעלד.

1956

## דאָס ליידנדיקע ווינטעלע

עס קען דאַס ווינטעלע קיין אָרט זיך ניט געפינען,
און קיינמאָל וועט עס שוין דערפאַר קיין רו ניט וויסן,
וואָס עס האָט דעם בלאַט אין סאַמע מיטן גרינען
אַזוי ניט ווילנדיק פון בוים אַראָפּגעריסן.

1968

## טרערן פון פרייד

פרעג, פאַרוואָס שיסט מײַן האַרץ אין דער ברוסט
אויס פאַר פרייד אַזאַ בלוטיק געוויין?
אַך, עס זעט, אַפֿן באַרג האָט אַ קוסט
מיט די וואָרצלען צעשפּאָלטן אַ שטיין.

1958

## קראַפּט

אויב אָנגעגאָסן האָסטו ווײַן אין קריגל,
מיט ליים דאָס מויל פֿון קריגל דו פֿאַרזיגל,
ווייס, אַז דער ווײַן ווערט לעבעדיק אין קעלער,
אין טפּיסע ווערט ער שטאַרק, אין כּוישעך — העלער.

1964

## הוידע מיך, ווינט

הוידע מיך, ווינט, ווי א צײַטיקן בוים,
עס בייגט מיך די פּרוכט, וואָס איז שווער אָנגעקוועלט,
טרייסל אַראָפּ זי פון מיר פאַר דער וועלט,
וועט העכער און שטאָלצער זיך הייבן מײַן קרוין.

**1958**

## לייענענדיק אָמאר כאיאמען[1]

ניט שווער זײַ, האַרץ, וואָס איך וועל ווערן ליים,
דעריקער, אַז די ליים זאָל טויגן פאַר אַ היים,
וועל איך מיט פלייצעס נאָך מײַן טויט אַ קינד
ווי לעבעדיקערהייט פאַרשטעלן פונעם ווינט.

**1958**

[1] אָמאר כאיאם (געשטאָרבן אַרום 1123) — אַ באַרימטער טאַדזשיקיש־פּערסי־שער דיכטער און געלערנטער.

## די שאָטן־מאָס

זאָל זײַן, אַז ס'איז מײַן שאָטן גרויס צי קלײן,
זאָל זײַן, אַז ער איז גרוי, צי בלוי, צי שוואַרץ,
דו ווילסט, טאָ מעסט מיט שאָטנס מײַן געביין.
נאָר שטענדיק וועט דאָרט אויספעלן מײַן האַרץ.

1960

# אן אײביקײַט

ס׳האָט דער קאיאָר מיך ווי א שטראַלן־פּעדעמל געבוירן,
דער אָוונט האָט מיך ווי א שטערן־קנײַלעכל פארלוירן,
אויב כ׳האָב פון זיך איין מענטשן־טאָג נאָר העל געוועבט,
ניט וויין! אן אײביקײַט האָב איך דאָ אָפּגעלעבט.

1956

## א באקאָשע

מײַן אָטעם־װינטעלע, װי לאַנג נאָר װעסטו װייען,
דו מוזסט דאָס מילעכל פֿון האַרץ מײַנעם דאָך דרייען,
ביז ס׳איז מיט קערנדלעך פֿון ליבע פֿול און ריין;
נאָר בלײַבט אין האַרץ איין שטיין, בלײַב אויך מיר שטיין!

1964

## װער בין איך?

אויב כ׳בין א כמורע כמארע,
בין איך א רעגן אין גינען;
הײַנט — א זערע א דארע,
מאָרגן — א זאנג אין גרינען.

1962

# נאָכן געוויטער

## דער גוטער גלעזער

אײַ, וואָלט איך געוואָלט א מין גוטער גלעזער זײַן,
אײַנפּאסן אין הערצער גאָר פענצטערלעך מיט שײַן,

צוקלאפּן מיט צוועקעלעך צארטע זיי פון גין,
אײַנקלעפּן מיט קיט אזא שטארקן, ווי דער זין,

ווײַל אָט דאָרט, וווּ שאָטנדיק, טײַעט ניט קיין אײַז,
ווײַל אָט דאָרט, וווּ פינצטערניש, הויזן פלעדערמײַז,

וווּ ס׳איז נאס און וווּ ס׳איז ענג, גליטשן אויס זיך געננ,
נאסטעלעך זיך נעסטן דאָרט, עגדעשן און שלענג.

מאָלט אײַך, איך האָב פענצטערלעך שוין ארײַנגעשטעלט,
און עס באלעבאטעוועט זוניק דאָרט די וועלט,

פליט ארויס די פלעדערמויז, שלעפּט מיט זיך אוועק
מוירעדיקס און כוישעכדיקס, שיידימלעך און שלעק,

קריכט אוועק מיט נאסטעלעך, עגדעשן און שלענג
קליינלעכס און געמיינלעכס און די נידעריקע גענג,

אופגעראמט, גראם איז דאָרט, דאָ איז אָרט און לֿיכט,
ווו דער מענטש זאָל אויסדרייען ברייטלֿעך זײַן געזיכט.

אײַ, וואָלֿט איך געוואָלֿט א מין גוטער גלֿעזער זײַן,
אײַנפּאסן אין סאמע הארץ שײַבעלֿעך פון שײַן.

מאָלֿט אײַך, איך האָב שײַבעלֿעך דאָרט ארײַנגעשטעלֿט,
ס׳קוקט דורך זיי אין ברוסט ארײַן שוין א גוטע וועלֿט,

און קיין שלֿיטע האָט צו זיי מער שוין ניט די קריג,
קען שוין ניט פארטונקעלֿן זייער בלֿויען בלֿיק,

ס׳קען זיי נאָר פארהויכקען דאָ א נעשאָמע־הויך,
ס׳קענען זיי ניט אויסזעצן אטאָם־באָמבעס אויך,

טולֿיען זיך און האלֿדזן זיך קומט נאָר צו דער שויב
מיט באצירטן העלֿדזעלֿע כאוועריש די טויב,

ווי זי וואָלֿט פון העלֿדזעלֿע אויסגעטאָן פון שווארצס
אלֿע אירע פּאטשערקעס און באשיינט דאָס הארץ,

ס׳זאָלֿ די וועלֿט זיך כידעשן, ציִען זיך אהין,
צולֿייגן זיך, ווי א בלֿאט, קילֿנדיק און גרין.

אײַ, וואָלֿט איך געוואָלֿט א מין גוטער גלֿעזער זײַן,
אײַנפּאסן אין יעדער ברוסט טאפּלֿיעלֿעך מיט שײַן.

מאָלֿט אײַך, ס׳זײַנען טאפּלֿיעלֿעך שוין ארײַנגעשטעלֿט,
אופגעעפנט איז דאָס הארץ פאר דער גאנצער וועלֿט,

אופגעעפנט פאר געגארטס און פאר אומדערווארטס
און זײַן סאָד — גאָלֿע גנאָד, ציטעריקס און צארטס —

אויב פאַרשטעלן, איז פאַרשטעלט יענעם, ווי אַ שוץ,
אויב עס מוז שוין ווייטעקן, ווייטעקט עס פאַר גוטס,

אויב עס מוז שוין בלוטיקן, — איז מיט יענעם מוט,
אַז סע זאָל ניט גיסן זיך מער קיין אייגן בלוט,

ניט פאַרגיין אין וויסטעניש, ניט באַגיסן מיסט,
אויב אַ האַרץ מוז שלאָגן זיך, שלאָגט עס ניט אומזיסט,

און אים סטײַעט וואַרעמקײַט קעגן טויט און קעלט,
זײַן די וועלט זאָל האַרציק שוין און דאָס האַרץ — די וועלט.

אײַ, וואָלט איך געוואָלט אַזאַ גוטער גלעזער זײַן,
אײַנהעלן, אַרײַנשטעלן אין הערצער זיך, ווי שײַן.

1963

## דאָס וואָרט פון א בעקערל

אַן די הייוון גייט ניט אוף דאָס ברויט,
אַן די הייוון איז דאָס מעל ווי טויט,

וועק עס מיט דעם וואסער, בייס מיט זאלץ,
ס׳העלפט דעם ניט קיין ווארעמס און קיין קאלטס.

טו איך אָבער הייוון נאָר אריין —
ראָשטשינע, געזונט זאָלסטו מיר זיין,

לעבעדיק און פריילעך הייבסט זיך אוף,
זעט נאָר, קיין איינהאָרע, א מין גוף,

זעט נאָר א מין ווייס און פוכקע לייב —
א פארשוין, א פויערטע, א ווייב,

און זי שמעקט, זי אָטעמט און זי ברויזט,
און זי בעט: „נו, קנעט, נו, גלעט, נו, שטויס״.

און אונטער די הענט בא מיר זי קוועלט,
ברויט עס ווערט געבוירן אף דער וועלט.

ערנסט דארף מען זײַן אצינד און וואך,
מעליק איז און הייליק איז די זאך,

הייליק, ווי די ליבע, איז דאָס ברויט,
שטארקער איז דאָס ברויט דאָך פארן טויט.

נאָר די ליבע טאָר ניט זײַן דאָ בלינד,
בלינד אצינד צו ליבן איז א זינד,

זעצסט דאָס ברויט אין אויוון, קוק און קעז.
זע נאָר אינעם פײַער ניט פארברען.

שרעקט אײַך ניט, דער בעקער ווייסט די מאָס,
ס'איז א בעקער דאָך דער באלעבאָס

איבער וואסער, איבער פײַער־פלאם,
פרווט אליין דאָס לעבן אפן טאם,

אונטער זײַנע הענט סע בלײַבט ניט רוי,
קוקט זשע ניט, וואָס איך בין מעליק־גרוי.

ס'וואָלט די וועלט אָן בעקערל געגרויט,
כ'בין אין איר, ווי הייוון אינעם ברויט.

1965

## דער פֿליטן־טרײַבער

ניט זאָג, מײַן פֿרײַנט, אז איך מיט אָט דעם ייִד
געשווומען בין אף אָפּגעהאקטע שטאמען.
מיך האָט דער פֿליט געפֿירט ווי מיט א ליד
צום ווינקל, ווו מײַן וויגל איז געשטאנען,
דערמאָנט האָט שוין זײַן פֿײַכטער רייעך בלויז,
ווי קיל עס שמעקט דער דיל בא אונדז אין הויז,
ווען ס׳וואשט די ליבע האנט אים פֿון מײַן מאמען.

כ׳האָב דאן דערפֿילט אף שווימענדיקע ביימער,
די יוגנט טרייסלט אלץ נאָך מײַנע ביינער,
ווי גלײַך איר בלייִק גערטנדל, זי זוכט
א פּרוּוו צו טאָן פֿארשײַט מײַן הארץ, ווי פֿרוכט,
וואָס האָט, ווײַזט אויס, פֿאר איר נאָך אלע טאמען.
איז דאָס געמאָלט אף אָפּגעהאקטע שטאמען?

אָט פּרוּווט דער טײַך צו נעמען אין געפֿענק
דעם וואלד מיט כיטרע לאשטשענדיקע געננ
און רופֿט צונויף די טענצערנס — די כוואליעס:
„היי, שפּרינגערנס, היי, זינגערנס, היי, קאלעס
אין שלייערלעך פֿון פּערלען און פֿון בלוי,
באווײַזט אים אײַער נאדן — רויש און טוי

און שפּילנדיקע, קילנדיקע ברוסטן!"
נאָר שטאמען — זיי פאַרדרייען מיט דער נאָז,
נאָך פּיטעמלעך, באַוואַקסענע מיט גראָז,
נאָך מילך פון ערד באַשערט איז זיי צו גלוסטן.
און ס׳רוישט זיך זײַנס דער טײַך און זײַנס — דער וואַלד,
און עפּשער ווײַל דאָס האַרץ מיט ביידן האַלט,
האָט עס אַזוי צעהוידעט מײַנע ביינער?

ניין, שולדיק איז געווען דער ייִד אַליין נאָר
אין אָט דער ווײַסער אויסגעשפּילטער נאַכט,
ווען אונטער דער לעוואָנעס איבערמאַכט
באַקומט אַ כוואַליע העלע ליכט פון הימל
און אויך אַזאַ מין טונקל־גרינעם שליף,
אַז שוין אַליין בּאַ איר אין איבערטריף,
איז, דוכט, צו זען, ווי יאַמען זײַנען טיף.

אָ, ווי דער ווינט געשמיסן האָט זײַן העמד,
געשלאָגן עס, געטראָגן מיט אַ ברומען,
אַרום זײַן גוף איז, דוכט זיך, ווי געשוואומען
אַ זעגל און געזוכט פאַר זיך אַ ברעג,
נאָר ס׳האָט דער מענטש געריסן זיך אין וועג
און האָט נאָך זיך געפירט דעם וואַלד דעם גרײַזן.

„אין יעדן בוים, — ער האָט אים ווי געזאָגט, —
אַן אַנדער פון אַ שיפעלע זיך שלאָגט,
איז לאָמיר, ליבער וואַלד, צוזאַמען שפּרײַזן,
איז הייבט זשע פּיס, איר ביימער מײַנע, יאָגט,
איר טאָרט דעם שטאַם, כאָלילע, ניט באַווײַזן,
אַז ס׳רינען אויס, ווי שטילע וואַסער־קרײַזן,
אויך יענע שיינע רינגען — גאָר אין טײַך,
וואָס יעדער יאָר האָט אָפּגעלייגט אין אײַך".
ווי ער האָט זיי געקישעפט און געגלעט,

צי האָט ער גאָר געוואָלט, דער פּליטן־טרייַבער,
ארויסרופן פון שטאמען יענע לייַבער,
וואָס נאקעט נאָך אין מולטערל מע זעט,

ער האָט געקוקט, געזוכט, גענומען קלערן,
פארנייגט דעם קאָפּ, פארהויבן דעם לאמטערן,
און כ׳האָב דערזען, אין קרייַז פון שייַן זיך ווייַזט
א פּאָנעם אזא קענטלעכס, דאָך א נייַס:
צעלייגט זיך האָבן קנייטשן פּאָרלעכווייַז,
צעשטעלט זיך האָבן מאכנעסווייַז די קארבן,
ווי כאָיל נאָך א שווערן קאמף, א הארבן,
און ס׳האָט זייַן בליק געגרעדט מיט שארפער שייַן,
געוווּנקען מיר צערודערט: „קוק זיך אייַן!“

פאר אונדז איז בלייך געקראָכן מיט א ציטער
א פּייַערל ביגנייווע פון א שטאם,
דאָס איז געווען א שווינדזיכטיקער פלאם,
די מינע האָט באם ייִד זיך ווי פארביטן,
ווי ס׳וואָלטן אָט די שטאמען זיך פארשניטן
אין אים מיט אזא בריִענדיקן שטאָך,
קעדיי דעם מענטש דערמאָנען אין זייַן בראָך.

נאָר ער האָט זיך מיט רוגזע אָפּגעווענדט
פון פוילן שטאם, וואָס קרענקלעך האָט געברענט.
ס׳איז מיטאמאָל די נאכט געוואָרן לינד,
ווייַזט אויס, אף זיך גענומען האָט דער ווינט
אן אווודע גאָר די כוואליעס אייַנצושטילן,
געלאָזט זיך אויך באם מענטש דעם שטערן קילן,
ווי עפּעס זייַנע ברעמען אייַנגערוימט,
און ס׳האָט דער מענטש גענומען ווי זייַן טרוים
ניט אויסדערציילן פראָסט, נאָר אויסצושפּילן:

„אמאָל בין איך א וואַלדהעקער געווען.
וואָס קען אזא מין איינער, דאכט זיך, זען
איןביימער, ווען ער וואַלגערט זיי, ווענט פרעגן,
כוץ זייערע הערצער הילצערנע אף זעגן?

אך, ווען די ווענגע טייַלט שוין אָן א מאָס
דעם ביטער־טראַפּן פארן באַלעבאָס —
דעם וואָרצל און דעם זיסטן מעד — פאר קוויטן,
ווען ס׳איז דער שטאם איין גאָס, איין לויטער גלאָז,
כאָטש נעם און זע איין ביימל דורכן צווייטן,
דאן פאַלט דער וואַלד פון פיס, ער האַלט אין טרינקען.
ער קוויקט זיך, וויגט זיך אום פון זייַט אף זייַט
און הערט ניט אוף פארכלינעט אונטערווינקען
דער שיקערן אליין — דער ווענגע־צייַט,
זי וואַקלט זיך מיט רויט־באַזויפטע נעזער
פון בלום־בוטאָנען, וואַלגערט זיך אין גרעזער,
אין בלאָטקעס, ווו א רינשטאָק, ווו א פליין,
און הייבט זיך אוף נעשאָמעדיק און ריין
און קושט מייַן הארץ; מייַן הארץ ווערט אויך באַזויגן
און ליארעמט און צעוואָרעמט מייַנע אויגן,
פארפלייצט און רייצט... די גאנצע וועלט זיך בייַט:
די קאָרע איז שוין ווייַס־געקנייטשטער זייַד,
דער טוי — ער נעמט קאמייעלעך זיך סילען
אף אָט דעם קלייד, ווי עמעצן צום גליק,
און פאטשערקעס פון קליי — אף יעדן צוויק
זיי ווילן עס גאָר צניעסדיק פארשפּיליען,
נאָר עמעץ רופט, ווער רופט עס פון דער ווייַט?
און עמעץ רוישט — דאָס רוישן ניט די צווייַגן,
דאָס וועקט און שטרעקט זיך עפּעס הינטער צייַגן:
א ריר... א גלעט... די קאָרע זיך צענעמט,
און פּלוצעם בלענדט און ציטערט אזוי איידל
אזא מין ליב־פארהוילן, טייַער מיידל,

און גאָלדיק שיילט זי אויס זיך פון איר העמד,
נאָר ניט צו זען איר מינע איז, אפּאָנעם,
ווײַל זי האָט אזוי קינדיש זיך פארשעמט,
אז ניט מיט צוויי, מיט הונדערט צווײַגן־הענט
האָט זי פארשטעלט איר אָנגעצונדן פּאָנעם.

און פּונקט מיט אָט אזויפיל הענט פונדאן,
ווי נאָר איך קער אוועק פון איר די אויגן,
האָט זי צו זיך גערופן מיך, געצויגן,
געשעפּטשעט: „איך בין דאָ, איך בין פאראן",
און אייביק איז זי מיר שוין נאָכגעגאן.

א כאָלעם, האַ? נו, וואָלסט זיך פאָרגעשטעלט,
ווען מ'האָט דאָ אונדזער הארץ, דאָס יונגע, ריינע,
אריײַנגעזעצט, ווי אין א טויטער זקיינע,
אין געטאָ, סע זאָל אויסגיין דאָרט פאר קעלט,
אָט דאן האָט זיך אפּסנײַ אוועקגעשטעלט,
אנטפּלעקט פאר מיר מײַן צויבערן מײַן שיינע
און ביז דער זעל צעוויקלט זיך, צעשטראלט.

זי האָט געוווינט אין פּארטיזאנער־וואלד.
און פּירעלע געהייסן האָט זי, פּירע,
דערמאָנט אין מײַנע אויגן האָבן אירע,
אין מײַנע, ווען איך בין נאָך יונג געווען,
אויך גרין אזוי, נאָר גאָר אן אנדער ברען,
יאָ־יאָ, מײַן פרײַנט, מיר האָט זיך אָפּט געדאכט,
ווען מײַנע וועלן זײַן שוין צוגעמאכט,
וועל איך דאן אלץ נאָך זען דורך אירע אויגן
די ווײַסע וועלט ווי דורך א רעגנבויגן.

געליבט מע האָט זי אלע ווי א קינד
און איבער איר געציטערט און געטרײַעט,

און דאָך האָט זי אין אויסשפּיר אונדז געדינט,
געדינט ווי אַ שאַליעך בא דער פרייַהייַט...
אין אויסשפּיר!.. אַ געפערלעכע מעלאָכע,
נאָר יוגנט זוכט, און נישטערט, און געפינט,
עס לייגט זיך אונטער פיס בא איר די בראָכע.
אין „וואלד־אָדלער“, בא אונדז אין דעם אָטריאַד,
גערופן האָט מען זי דער רעכטער פליגל,
זי איז פאַר אונדזער האַרץ געווען דער שפּיגל,
וווּ ס'איז זיך גאָר ניט אָנקוקן צו זאַט.
דו וואָלסט זי ערעוו אויסשפּיר זען באַדאַרפן:
די אַפּלען אירע מינען זיך, זיי שאַרפן
ווי עפּעס אויס אין זיך אַזאַ מין גלאָז,
וואָס נעמט צו זיך די בלויע ווייַטן ציִען,
אָט ווערן איר אַזוי פאַרשפּיצט די קניִעס,
ווי ס'וואָלט אַ פייַל זיך טאָן פון זיי אַ לאָז.
וואָס סוידעט זיך מיט ווינטעלעך איר נאָז,
וואָס וואַרפט זי אירע צעפּ שוין פון דער פּלייצע
פאַרקלערט אַזוי אַריבער אויף דער ברוסט,
ווי ס'וואָלטן אָט די סטעזשקעלעך געוווּסט
אַ גוטן וועג איר יוגנט אויסצווייצען.

איר מאָלט זיך אויס, מיר האָבן פאַר די סאָנים
ווי אָפּגעווישט דעם מענטשן פון איר פּאָנעם,
מיר האָבן ווי אַ ביימל זי געקליידט:
דער הימל וואָלט איר ווינטער ניט גענייט
אַזאַ מין פּעלץ אַ שנייִיקן, אַ קלאָרן,
ניט אויסגעוועבט וואָלט פעדעמלעך דער וואָרעם
פאַר אַזאַ גרין כאַלאַטעלע פון זייַד,
וואָס זי האָט דאָ געטראָגן זומער־צייַט,
באַהאַנגען מיט געפלעקטע שטיקער קאָרע;
און אַז מ'איז יונג, ווי זי, איר שטעלט זיך פאָר,
דאַן פּאַסן אַלע צייַטן פונעם יאָר.

אין לעצטן יאָר אַף אונדזער שווערן וועג
האָט שטיל דער הארבסט די לעצט־געשענקטע טעג
אין וואלד אזוי מעכייַעדיק צעהאנגען,
כאָטש רייַס זיי פון די ביימער אָפּ, ווי גאָלד.
דער פייַנט האָט זיי אונדז שענקען ניט געוואָלט,
די כייַע איז אין יאגד אַף אונדז געגאנגען;
און דעמלט, אין געראנגלעניש, אין לייד
מיר האָבן ערשט דערזען, ווי פירע טרייַ איז,
מייַן ביימעלע לויפט אויסשפּירן די כייַעס.

מיר האָבן זי אפגיך ארויסבאגלייט,
איר אָנגעטאָן א גאָלדן־טונקל קלייד,
אַף דעם מיט נאָדלען אָנגעשפּיליעט בלעטער,
זיי האָבן, דאכט זיך, דעמלט רויטערהייט
מיט פרייד אליין געטאָן אַף איר א קלעטער,
געצויגן זיך צו איר, ווי צו דער זון,
און זי האָט אויסגעזען אין זיי אינגאנצן,
ווי גלייַך אין מינע הערצער אָנגעטון,
ווי יעדער וואָלט אין איר אריבערפלאנצן
זייַן הארץ, עס זאָל איר בייַשטיין אין א נויט,
פארשטעלן זי אַף אייביק פונעם טויט.

די אויגן האָט זיך אויסגעקוקט דער הארבסט,
די ערד איז נאָך איין ווינטער בייַגעקומען,
די וועסנע איז אָן פירעלען געקומען.

ווי האָט געקענט די וועסנע אָן איר הארץ
זיך נויהעג זייַן, אנטקעגן קעלט זיך ווערן,
און איז געמאָלט, די פרייַהייַט זאָל זיך קערן
אָן איר געליבטן קינד, און ס'איז א וועלט
א פרייַע שוין, און ס'לאָזט זיך גאָר ניט קלערן,
אז איך — איך גיי אהיים, און פירע פעלט.

„דו טיפּעש, — רוישט דער וואַלד מיר, — פֿערעאָדעם,
וואָס זוכסטו זי אין אָסיענדיקע בגאָדים,
זי האָט זיך אין א ביימעלע פֿארשטעלט,
וואָס האלט אצינד אין סאמע מיטן גרינען,
אין לעבעדיקן בוים וועסט זי געפֿינען! —
אזוי־אָ רעדט דער וואַלד אין מיר אריַין,
און גלייבט דאָס הארץ — דאַן לייגט זיך אפּן זינען...
און דו? דו טראכטסט, עס קען אזוינס ניט זיַין?“
און קרימען האָבן זיך פֿון צאר געוומען
די ברעמען אים, זיך שטרענג צונויפֿגעקומען:

„נו, און אזוינס וואָלסטו זיך פֿירגענומען? —
איצט האָט ער שארף געקוקט צו יענעם פּלאם,
ווי גליַיך געוואָלט אים אויסשניַידן פֿון שטאם. —
אָט פֿוילט אין בוים איין אייוועך נאָר... איין פּגאם,
איז לויכט פֿון אים ארויס שוין די סאקאָנע,
שוין זויפֿן ווערעם אָן זיך מיט לעוואָנע
און שטעלן זיך, ווי ליכטלעך, נאָכן שטאם,
היַינט שטעל זיך פֿאָר, סע פֿוילט א בוים אינגאנצן
אין אָט אזא מין נאכט, און פֿלעמלעך טאנצן,
טאָ פּרווו אים ניט דערזען, ער ציט מיט גוואלד.
אָ, כ׳זע אים נאָך... אין יענער וועסנע, באלד,
האָב איך צוריק זיך אומגעקערט אין וואַלד.

עס זיצט זיך ניט, ווען ס׳איז א היים צעבראָכן,
א כורווע איז דעם הארצן ניט קיין שאָכן,
נו, גרייט איך וואַלד... מיר דאכט, אז יעדער קרוין
גאָר לאָזט צו מיר זיך מיט אן אייצע הערן
און רעדט מיר איַין: „דו נעם, דו נעם מיַין בוים,
אים כאָלעמט זיך פֿון לאנגע יאָרן שוין
א באלקן...“
און מיר הייבט זיך אָן צו קלערן,

אז פירע קלעטערט אום, זי רעדט, ס׳איז זי,
און דאָ איז נאָך אזא מין נאכט, ווי די,
וואָס קארגט זיך ניט אף ווינטלעך און אף שטערן,
און ס׳הייבט זיך אָן מײַן הארץ ווי איבערקערן
מיר אף דער לינקער זײַט און לייגט ארויס
א בענקעניש, כאָטש נעם און צי זיך אויס.

עך־עך! — און ווי איך טראכט עפּעס פארקלעמט,
גיט מיטאמאָל א ריזן־בוים א בלענד.
ער בלאנקט און צאנקט, זיך ווײַזט און ווערט פארהוילן,
צעברענט זיך, ווי מע שיט אים אונטער קוילן,
ווײַזט אויס, עס איז דער דעמב אזוי צעפוילט,
אז ער איז אויך אף דורך שוין אויסגעהוילט,
ווײַל ס׳הערט אין אים דער ווינט ניט אוף צו הוילן;

דאָס איז א בוים דען, — טראכט איך, — ס׳איז א געגעם,
ער איז שוין ניט פאר זיך און ניט פאר יענעם,
אזא מין איינעם נעם און גיי פארבײַ!
נאָר אז עס הייבט זיך אָן א פּאָכערײַ
פון סטענגעס לעבן בוים, און סאמע אונטן,
ווי גלײַך זיי רײַסן אויס זיך פון די גרונטן
מיט זײַד־געררויש, מיט גאָלדיק־ווײַטן גלאנץ,
און ס׳דאכט זיך מיר, אָט פלעכטן אויס א טאנץ
גאָר סטענגעלעך אליין אזא מין בונטן,
זיי דרייען זיך אָן מיידלעך אין א ראָד,
ווי ניט קיין אויסגעפּירטן קאראהאָד
פון יוגנט וואָלטן זיי ביז סאָף דערפירן,
און שווער מיר ווערט, פון אָרט זיך ניט צו רירן.

און ווי איך קוק זיך אײַן, דערזע איך קוים,
צופוסנס האָט זיך עפּעס בא דעם בוים

א בערגעלע פאַרדרעמלט אופגעהויבן
(א בערגל הײַנט אין וואלד דערמאָנט א גרוב,
נאָר איך האָב פֿײַנט ביז איצט אין בייז צו גלויבן),
אוואדע מוז עס זײַן א וואָרצל־קנופּ...

צי ווייסטו, פֿרײַנט, פֿארוואָס בא אלטע ביימער
זיך הייבן פֿון דער ערד די וואָרצלען אוף?
דאָס רופט זיי ניט קיין קויעך קיין געהיימער,
זיי הערן אין דער טיף ניט קיינעמס רוף,
אפילע ס׳זאָלן דונערן די געטער,
און נאָר דער רויש דער קינדערשער פֿון בלעטער
דערוועקט, ווײַזט אויס, א ציִעניש ארוף
בא וואָרצלען אף דער עלטער, אז פֿון טיפֿן
זיי קומען זען, ווי בלעטער־גרינסן שטיפֿן
מיט אייביקײַט פֿון הימלען, אזוי לינד,
די בענקעניש נאָך נאכעס פֿון א קינד
אויך זיי טוט אף דער עלטער א צערודער,
דאן שטײַגן זיי צו זון!.. יאָ, גלייב מיר, ברודער,
אזעלכעס איז אין קאָפּ מיר דאן ארײַן.
אויב וואָרצלען, — וואָס זשע קען נאָך בלײַבן קאָשע?
נאָר אָט די סטעגנעס, קוק איך גוט זיך אײַן,
זיי שײַנען מיר — צעריסענע האלבאָשע,
און כ׳רײַס זיך אויס ווי פֿון א הינערפלעט
און מאך צו זיך: „דו האָסט זיך אײַנגערעדט
א זאך א ניט געשטויגענע, וואָס קרום איז“, —
נאָר ווי איך גיב צעקאסט מיט פֿיס א פּרווו
יענץ בערגעלע, וואָס הייבט באם בוים זיך אוף,
איז גיט עס זיך א רוק, ווי מיט טארומעס,
דאָס בערגל רירט פֿון, אָרט זיך אזוי גרינג,
אז אונטער מײַנע טריט ווערט אויסגעשאָטן
די גאנצע ערד, און ס׳דאכט זיך מיר, איך זינק,
ווי אף א יאם וואָלט איך ארופֿגעטראָטן.

און כאַפּ איך בא די סטעגנגעס אָן זיך פלינק,
ערשט אפּן אָרט פון גלאַנצנדיקע זײַדן
אין הענט גאָר נאָדלען, נאָדלען זיך פארשנײַדן,
איך פאַל שוין, און מיר דאכט, א צווייטער פאַלט
און עמעץ דריקט מיך ווייך, נאָר אזוי קאַלט,
אז אין מײַן מויעך זאשפּערעס פארגייען,
און טאקע בייסן פאַלן פיל איך באַלד,
אז דאָס איז זי, איר דינינק לײַב, איר שטאַלט...

„...הא, פירע? — פרעג איך שטיל. — ס׳איז דאָך א גוואַלד,
ווי ליגט מען, קינד, א ווינטער אַפּ אין וואַלד,
מיט מײַגלעקלעך זיך ניאנטשען נאָך די שנייען,
מיט מיידלעך — ניט... ווי האָסטו זיך דערוועגט
צו שלאָפן הויל און בלויז, ניט צוגעדעקט,
געקענט האָט דאָך א שנייעלע פארווייען
אף אייביק אין דײַן הארץ"... און בא די רייד
דערפיל איך, דוכט, מיר ציטערן אינצווייען.

איין וויטעק שטילט אמאָל א צווייטן וויטעק,
ס׳איז יעדער שטאָך, ווײַזט אויס, געווען מיר נייטיק,
ווײַל ווען איך האָב געוואָלט זי טאָן א נעם,
כאָטש נאָך איין מאָל איר פּאָנעם אָנצוקוקן,
האָב איך מיט אָט די הענט, מײַן פרײַנט, דערטאפּט,
איר קעפּעלע איז טיף ארײַנגעקלאַפּט
אין אויסהויל פונעם בוים, אזש ביזן רוקן,
און ס׳דאכט, אז אירע אקסעלעך זיך צוקן,
דער ווינט גיט אלעמאָל אין בוים א הויל,
א הייב די צעפּ, און ס׳הערט זיך א מין שלוקן —
און ס׳דאכט, דער דעמב האָט אופגעעפנט פויל
אזא מין אלט־פארשלאָפן בעריש מויל
און וועט אָט באַלד אינגאנצן זי פארצוקן,

דערבײַ דעם בוים איך דלובע, דלובע, דלובע
און בעט בא איר זיך: „קום ארויס, מײַן ליובע“,

און ווי זי וואָלט מיך סאָפּקאָלסאָף דערהערט,
באווײַזט זי מיר איר קעפּעלע, מײַן פּירע,
און שטעלט אײַך פאָר, די שיינע אויגן אירע —
זיי זײַנען מער ווי שטענדיק אופגעמאכט,
אזעלכע גריך־לעוואָניקע — זיי העלן,
ווי גלײַך אין אָט דער שטערנדיקער נאכט
וואָלט ווייטעקלעך זיי זײַן, עס זאָל דאָ פעלן
אויך זייער מיידלש־קושנדיקע ליכט.
איך הייב זי אוף, איך גלעט איר קאלט געזיכט
מיט אָט די הענט, וואָס זײַנען מיר צעפּײַניקט,
און פיל, ווי אירע ליפּן ווערן פײַכט,
און ווארעמען, און עפענען זיך לײַכט,
און כ׳נעם צו איר זיך בייגן אזש פאר טײַנעג,
איך בייג אזוי צו איר זיך אָן א שיר,
ביז — שא — איך הער, זי שעפּטשעט שוין צו מיר:

„ס׳איז, טאטע, אף דעם אָטעם אָפּצוגעבן
אויך ענג דער זיבנהימלדיקער רוים,
נאָר אָט דער שמאָלער אויסהויל אינעם בוים
איז קארג אי פאר דעם טויט אי פאר דעם לעבן.
דאָך שרעקלעכער געווען איז, ווען טאליאָנים
האָבן מיט שפּאָט געשפּיגן מיר אין פּאָנעם:

„ביסט אויך א בוים, און ווי דער בוים ביסט רויט,
און שטארבסט אין הארבסט“ — און ווען איך בין פארבלויט
געבליבן שוין, געמיינט זיי האָבן „פּאָטער!“,
אין טויטן בוים נאָר, טאטע, בין איך טויט,
אין לעבעדיקן בוים איז לעב איך, פּאָטער!“..
און זי איז ווײַט אין וואלד ארײַן אוועק...

און ווען מ׳האָט פון כאלאָשעס מיך דערוועקט,
האָב איך נאָך אלץ די הענט צו איר געשטרעקט,
נאָר ארעמען איז ניט געווען שוין וועמען,
ווײַל פירעלען שוין האָבן, ווי מיר שײַנט,
די וואלדהעקער אפגיך פון מיר פארנומען.
און ס׳איז געקומען טוי, און גוטעפרײַנט,
און זון, וואָס דורך די צווײַגן ווײכער שײַנט,
צו טרייסטן און צו לינדערן מײַן טרויער,
נאָר מיר האָט אלץ געקלונגען נאָך אין אויער,
ווי גלײַך א ווינט א גאָלדענער, איר קאָל.
ווער ווייסט דעם וואלד? פיל ווידערקוילעס האָט ער:
אף בערג — א באס, א דודעלע — אין טאָל,
נאָר מיר — מיר הערט אין אים זיך אלעמאָל:
„אין לעבעדיקן בוים איז לעב איך, פאָטער!“

אָ, ווי גערוישט שוין האָבן העכער, העכער
די כוואליעס — אָט די טעכטער פון די טעכער[1],
געיאָגט זיך צו די שטאלטנע זין דעם וואלדס,
און זיי, די שטאמען, לאכנדיק געהאלדזט,
און יעדער שטאם האָט אים דעם שטראָם דעם היגן
ארײַנגערוישט זײַן גרינעם וועלדער־ניגן;
ווי דער ווינט, וואָס האָט זיך איצט געפילט
א קאָרעוו סײַ דער ערד און סײַ דעם הימל,
האָט גרעזער־לופט, דעם דופט פון מינדסטן בלימל
אין אונדז ארײַנגעווייעט, אונדז געקילט;
און אָנגעטאָן אין גאנצע אויצרעס קלאנגען,
איז לאנג, ווי פירעס קאָל, אונדז נאָכגעגאנגען —
א קאָל, ווו ליד און ליבשאפט ענג זיך פאָרט.

---

[1] טעכער — טײַכן.

האָסטו געהערט דעם טײַך אױף יענעם אָרט,
דאָרט, װוּ ער פֿאַלט אַרײַן אין יאַם אין סאַמען?
אין רויש בא זיך זײַן װערבע־ברעג ער היט,
נאָר אויך שוין מיט אָנברעגיקײַט ער זידט,
אזוי דורך מיר געשטראָמט האָט דאָס געמיט
פֿון אָט דעם מענטש, און האַרץ אין האַרץ צוזאַמען —
האָט זיך געגלייבט, אַז מיר — מיר שווימען ניט
אַציִנד נאָר בלויז אױף אָפּגעהאַקטע שטאַמען.

1947

# דער פּאַנצער

באַלאַדע

קלאַרען

די פּאַנצער־שילדן — זיי בילדן איין שלאָס,
איין גאָס, וואָס איז פּונקט צו דער מענטשלעכער מאָס:

דער מעשענער העלם מיט דער זוניקייט בליצט,
אַזוי ווי סע פּאַסט פאַר דעם קאָפּ, וואָס ער שיצט,

פון אים לאָזט אַראָפּ זיך דער פּיקלהויב טריי
צו היטן די אויגן און לאָזן זיי פריי.

די ברוסט־שילד האָט רונד און אין פראָנט זיך געשטעלט
ווי גרייט אָף זיך נעמען די וווּנד פון דער וועלט,

און איידעס פון דעם זיינען פּאַנצערס פאַר הענט —
פון איינעם סע ציט זיך די שווערד צו דער לענד,

אין צווייטן א האָרן פון העלפאַנדביין גליט,
ווי ס'וואָלטן זיך פּאָרן די שלאַכט מיט דער ליד,

קעדיי צו דערהייבן דעם ריטערס געמיט
און ריכטן אין וועג דעם גערעכטן די טריט,

אז אים זאָל ניט ווערן שוין צופיל באשווערט
אין בראָנזענע שטיוול צו גיין אף דער ערד.

און כ'שטעל זיך שוין פאָר לויט דעם פאנצער, וואָס העלט.
א וואָס פאר א גאָלדענעם מענטש ער פארשטעלט —

א מאן, וואָס ער טראָגט אזא אײַזערנע הויט,
און ניט ווײַל סע שרעקט אים דער אייגענער טויט;

ווײַל דער נאָר עס שטעלט ניט ארויס דאָ זײַן מוט,
וואָס אינווייניק גייט ער דאָרט אָפּ מיטן בלוט

פאר יענע, וואָס ס'האָט זיי באוואָלט די צײַט —
דערדריקטע, דערשטיקטע, פארשטויסענע לײַט.

און שטענדיק איז ער אונטער שילדן געווען,
און קיינער האָט קיינמאָל דעם העלד ניט געזען,

ווײַל ער האָט געהיט זיך פון רום און פון לויב,
אז ס'זאָל זיך זײַן טאַט ניט באדעקן מיט שטויב,

אז קיינער עס זאָל זיך ניט בוקן פאר אים,
אז ס'זאָל ניט דערנידעריקט ווערן דער זין

פון ליבע, וואָס שטראָמט צו איעדערנס וועלט,
אניוועסדיק אונטער דעם פאנצער פארשטעלט.

ס'איז, פאנצער, דער ריטער דײַן זעליק פארמעג,
ווי דעם ריטערס פארמעג איז זײַן הייליקער וועג,

און איך האָב דעם ריטער פֿון אייביק געדענקט,
איך האָב נאָכן ריטער א לעבן געבענקט.

און איצט איז די צײַט שוין, ווען שטאַרבן איך קען,
אויב כ׳וועל אָט דעם טײַערן מאַן ניט דערזען.

און אַן עפֿן געטאָן כ׳האָב אין פֿאַנצער א שילד:
ניטאָ דאָרט קיין סימען פֿון מענטשלעכער בילד,

און אונטער דעם העלם — ניט קיין קאָפּ, ניט קיין ליכט,
און אונטערן פּיקלהויב — קיין געזיכט,

און ס׳קלאַפּט ניט קיין האַרץ אין דער שטאָלענער ברוסט —
ס׳איז הויל, און ס׳איז גרויל, און ס׳איז וויסט, און ס׳איז פּוסט.

ווי שווער איז צו זען אָנעם קערן די זאַנג,
די שייד — אָן דער שווערד, און די נעץ — אָן דעם פֿאַנג,

די טשוטשעלע נאָר — פֿון אַן אָדלער א ריז,
די שטיוול, וואָס האָבן פֿאַרלוירן די פֿיס,

נאָר ווילדער עס איז נאָך די פּוסטקע, וואָס פּרעסט,
ווען זעסט, ווי די ליידיקייט בויט זיך א נעסט

אין שילדן, אין העלם, אונטער שטאָלענעם פּרענטש,
ווו אלעס דערמאָנט דיר: ניטאָ איז דער מענטש.

אָ, פֿאַנצער, דו אומזין, דו וואַנזין, דו דראַנג,
ביסט פּונקט ווי דער מויעך שוין אָן דעם געדאַנק
און ווי אָן דעם האַרצן דער טויבער געזאַנג,

דו ביסט נאָר א גוילעמדיק־אײַזערנע הויט.
מײַן ריטער, מײַן היטער, מײַן גויעל איז טויט.

צי עפּשער איז עפּעס נאָך ערגערס געשען,
ער איז גאָר אינגאַנצן א ליגן געווען.

און ברענג איך ארויס פארן מויל נאָר דאָס וואָרט,
איז גיט זיך דער פאנצער א ריר ווי פון אָרט,

און ס׳טריפט פונעם האָרן א קלאנג נאָך א קלאנג
א מין פּראָוואנסאליש צעכוואליעט געזאנג,

ווי צוויי טרובאדורן זיך וואָלטן געמיט
אריבערצוגיסן געמיט אין געמיט,

ס׳זאָל ווערן די ליבע אין לידער פארהיט,
ס׳זאָל הענגען די ליבע אף גלידער, ווי צוויט.

דער ערשטער מיר זינגט אפן קאָל אף זײַן צארטס,
אפן קאָל דעם באצארטס מיטן וואָרט דעם געגארטס:
„געליבט האָט דער ריטער זײַן דאמע פון הארץ,

און ליבן די דאמע פון הארץ ליבט מען הייס,
נאָר ס׳איז זײַן נעשאָמע א וועלט דאָך די גרייס,

איז האָט ער פאר זיך א מין נײדער געטון,
איז האָט ער געשווירן בא איר און בא זון —

כ׳ועל דאן דיך א קוש טאָן, מײַן הארנטע, ווייס,
ווען ס׳וועט אינעם לעבן זיך פעלן דאָס בייז.

און ס׳איז זייער ליבע געווען לויט דער צײַט —
א ליבע, וואָס האָט זיך געפירט פון דער ווײַט,

װען צײַט און װען װײַט איז מיט בענקשאַפט פֿאַרװײט
װען אױגן פֿון אױגן נאָר װערן באַגלײט,

נאָר איר ניט באַשערט איז געװען אױך דאָס גליק
כאָטש צוצוטוליען איר בליק צו זײַן בליק,

זײַן פּאָנעם צו זען, צו קילן איר ברען,
װײַל ער איז דאָך שטענדיק אין פֿאַנצער געװען,

און האָט זי באַגלײט אים, געאַרעמט אים מילד,
האָט אױך דאָן צעטײלט זײ די אײַזערנע שילד.

און יאָרן, װי װאַסער, פֿאַרלאָפֿן פֿון דאַן,
און עלנט אין טורעם זי איז אױסגעגאַן,

זי האָט אים גערופֿן, דעם טױט זיך געװערט,
נאָר ס׳האָט זיך דער ריטער צו איר ניט געקערט".

זאָג, זינגער, װי האָט זיך געטראָפֿן מיט אים,
װאָס ער ניט דערהערט האָט פֿון ליבע די שטים?

נאָר דאָ איז דער צװײטער אַרײַן שױן אין קאָן,
אַרײַן, דוכט, מיט זעלבן, דאָך אַנדערן טאָן:

„געליבט זײַן געליבטע דער ריטער האָט הײס,
נאָר ס׳איז זײַן נעשאָמע א װעלט שױן די גרײס,
נאָר ס׳האָט פֿון דער װעלט ניט געפֿעלט זיך דאָס בײז.

נאָר ס׳איז זײַן געבײן שױן צעהאַקט און צעזײט,
מיטן פֿאַנצער צעשײדט, אַף מידבאָריעס צעשפּרײט.

דאָך דאָס הארץ איז געבליבן פאר ליבן נאָך וואך,
האָט א ברי עס געטאָן אזא ראָצכישע זאך:

מ׳האָט א מיידל פאר קישעף פארמישפּעט צום טויט,
און מען האָט בא דער צארטער געשונדן די הויט,

און געפערטלט איר שיינקייט, איר ריינקייט, איר בלענד,
און מען האָט די „מאכשייפע" אין סרייפע פארברענט.

צי וויסט דען דער טאליען דעם קישעף, וואָס טרייסט,
דעם קישעף פון ליבע דער טאליען דען ווייסט?

נאָר דאָס הארץ פונעם ריטער געבליבן איז וואך,
האָט א ברי עס געטאָן אָט די ראָצכישע זאך,

איז האָט עס צום קאָפּ זיך פון ריטער געווענדט,
און דער קאָפּ האָט געטאָן זיך א ווענד צו די הענט:

— נו הייבט מיך, געטרייע, צום הימל ארויף,
נו נעמט מיר צונויף מיינע אייוורים פון גוף,

טוט אָן מיך אין מעשענער פאנצערשער טראכט,
ווייל הימלשרייענדיק איז דאָך די זאך, —

און דאן האָט דער ריטער זיך ווידער געשולט,
און ער האָט דעם הענקער באצאָלט פאר דער שולד"...

און ס׳האָבן זשאָנגליאָרן דעם האָרן פארלאָזט,
ווי איינס מיך אף איינס מיט דעם ריטער געלאָזט.

מיין ריטער, מיין היטער, מיין ציטער, דו ווייס,
די וועלט איז נאָך פולער געוואָרן מיט בייז,

ניט איינעם — מ׳האָט פעלקער דאָך גאנצע געקעפּט,
דאָס לעבן געפּערטלט, צום גרוב עס געשלעפּט.

אויב דו ביסט געלעגן ניַין איילן אין דר׳ערד,
ווי האָסטו אין גרוב זיך ניט איבערגעקערט,

ווען ס׳האָבן געלייגט די עספּרעסערשע לייַט
קינדער נאָך לעבעדיק דיר בא דער זייַט,

צי איז אין דייַן אויג ניט אריַין זייער שייַן,
צי איז זייער אָטעם אין דיר ניט אריַין,

דייַן צאָרן זאָל פּאָטערלעך ווערן דערוואכט,
פאַרוואָס איז פאַריאָסעמט דייַן פּאנצער — דייַן טראכט?

ס׳האָט אָפּגעהילכט מאָדנע אין פּאנצער מייַן קאָל,
א ווידערקאָל האָט זיך דערהערט מיטאמאָל,

ווו יעדער מייַן וואָרט האָט געקלונגען פארקערט,
ווו ס׳האָט זיך דער הייפּעך פון וואָרט גאָר געהערט,
ווי פעכטן מיט זיך וואָלט אליין שוין א שווערד.

און ס׳שאלט שוין דער פּאנצער, ווי גלייַך אין טראָמפּייט,
און ס׳שטראָפט מיך דער ריטער מיט שנייַדיקע רייד:

„פאַרוואָס האָסטו, מענטש, פון מייַן רו מיך געוועקט,
צי האָט זיך דער גרויסמוט מיט מיר שוין געעקט,

פאַרוואָס, אויב סע קוועלט דיך די וועלט מיט איר פּייַן,
ביסט ניט ווי מייַן יוירעש אין פּאנצער אריַין?"

און כ׳האָב אים געענטפערט מיט שווערן געמיט:
„איך קען אויף דײַן האָרן נאָר שפּילן אַ ליד,

נאָר שמאָל איז מײַן פּלייצע און שוואַך איז מײַן פוס,
אַז כ׳זאָל באַ דײַן פאַנצער גאָר זײַן אין רעשוס,

צו קליין איז מײַן מאָס און צו נישטיק מײַן וואָג,
כ׳וועל זײַן נאָר אין אים, ווי די צונג אין דעם גלאָק,

זיך וואַקלען פאַרצווייפלט, נו גלייב אויפן וואָרט,
און קיינמאָל ניט רירן די פּלאַטן פון אָרט״.

און דאַן האָט נאָך האַרבער זײַן קאָל זיך דערהערט:
„דו, זינגער, וואָס איז דען דײַן ליד אין דער שווערד,

וואָס איז דען דער מאַרך אין דעם שטאָלענעם בלאַנק,
אין שטאָל ווערט פאַרזשאַווערט, צעשטויבט דער געדאַנק;

און וואָס זײַנען פּיס אין דער בראָנזע אין קנאַך, —
אַ בראָך אין דעם גאַנג און אין לעבן אַ בראָך;

און וואָס איז אין אײַזן דײַן בלוט און זײַן שטראָם, —
אַ ראָד, ניט געשמידט, וואָס זיך קײַקלט צום טהאָם.

דיך האָט פונעם ליידיקן פאַנצער געגרוילט,
און דו ביסט אין אים דאָך נאָך מער אויסגעהוילט,

און דו וועסט אין אים אויף דער ערד מער ניט זײַן,
טאָ זאָל ער, דער פאַנצער, אין לײַב דיר אַרײַן!״

ווי נאָר ס׳האָט באַשווירן זײַן פאַנצער דער מאַן,
אַזוי האָט דער פאַנצער געגעבן אַ שפּאַן,

א קלונג האָט געגעבן א שילד אין א שילד,
און ס׳האָט זיך דער האָרן צעשאלט און צעשפילט,

און איך בין געפאלן אָן מאכט אף דער ערד,
אף מיר האָט דער פאנצער פארמאָסטן זײַן שווערד,

און אופגעהאקט מיך פונעם קאָפ ביז די פיס,
און דורכגעגאנגען דורך מיר, ווי א שפיז,

צעצויגן די אייוורים — א גליד נאָך א גליד
און האָט זיך אינגאנצן אין מיר אײַנגעשמידט.

און אונטער מײַן שארבן דעם העלם כ׳האָב דערפילט,
און די שילד אין מײַן ברוסט האָט דאָס הארץ מיר געקילט,

און דער פיקלהויב איז בא מיר אין געזיכט,
און שארפער געוואָרן אין אויג איז מײַן ליכט,

און בראָנזע דורך הויטן פון פיס מײַנע ברענט,
און אײַזערנע הענטשן — דאָרט טיף אין די הענט.

צום ערשטן אין לעבן עס האָט מיר געגליקט,
עס איז מײַן מאפאָלע געוואָרן מײַן זיג,

די וווּנד האָט געמאכט מיך געזונט אינעם שטרײַט,
דער ריטער — ער האָט מיך געמאכט פאר א לײַט.

און פונקט צו דעם פאנצער געפאסט האָט מײַן גוף,
מיר האָבן זיך ביידע געגרייט צו דעם פרווו,

און איך האָב אין אים שוין געוואכט פאר א שלאכט,
און ער האָט אין מיר שוין געגליט און געוואכט.

און אויב, ווי עס טרעפט זיך מיט יעדן אין קריג,
מײַן פּאַנצער צעפּיצלט וועט ווערן אַף שטיק,

ניט זוכט זײַנע מעשׂן אין היימיש געשיר,
איר וועט אים א גאַנצן געפינען אין מיר.

און אויב אפן שלאַכטפעלד וועט טרעפן פּאַרקערט, —
מײַן בלוט וועט שוין ווערן פון מיר אויסגעטרערט,

מײַן לײַב וועט פאַרצוקט זײַן פון בלינדן שראַפּנעל,
און ליגן וועט אויך א שראַפּנעל אין מײַן זעל,

קלינגט אָן אין דעם פּאַנצער, ניט פּוסט איז אין אים,
און ווידער דערהערן איר וועט דאָרט מײַן שטים,

ווײַל איך בין אין אים ניט געווען דאָך קיין גאַסט,
דאָס האַרץ פאַר די שילדן דאָך ריטערלעך פּאַסט,

דער מענטש און דער פּאַנצער — איין מעכטיק געביין,
מײַן ריטער, מײַן היטער בין איך דאָך אליין,

ווײַל פּאַנצער־שילדן — זיי בילדן איין שלאָס,
איין גאָס, וואָס איז פּונקט צו דער מענטשלעכער מאָס.

1968

## נאָכן געוויטער

כ׳האָב ליב אײַך,ביימער, נאָך א שווערן שטורעמווינט
אין יענער רעגע, ווען דער מינדסטער בלאט געפינט
צוריק זײַן אייגענעם מעכטיַעדיקן ציטער,
וואָס האָט פון אים זיך ניט פארבלאָנדזעט אין געוויטער.
כ׳האָב ליב אײַך, ביימער, נאָך א שווערן שטורעמווינט.

אָט ערשט אין לופט האָט ווי געבילט א טשאטע הינט,
די שטויבן אופגעהויבן בייז און טרוקן,
דאָס זאמד אזוי רעציכעדיק געיאָגט
צום מענטשעלע פון אויג, אף עס פארצוקן.
ס׳האָט זיך דער ווינט געזעצט אף אײַער רוקן,
געקראָכן און געבראָכן און גענאָגט,
געבויגן אײַערע העלדזעלעך מעסוקן
און ווידער אויסגעגלײַכט זיי מיט א שטופ,
ווי ער, דער שטורעמווינט, וואָלט מוירע האָבן,
אז איר וועט, ביימער, זיך אָט באלד אין גרונט פארגראָבן.
די קרוין פארבינדן מיט די וואָרצלען אין איין קנופ
און אזוי מעכטיק זיך א הייב טאָן פונעם גרוב,
אז מער וועט ער פון אײַך קיין בלאט ניט קענען רײַסן.

ס׳האָט זיך דער ווינט ניט אופגעהערט צו קײַסן
און האָט פון זאמדן אויסגעבויט אין הייך א פלויט,

ער האָט פּאַפּירעלעך פֿון מיסטן אויפֿגעהויבן,
ער האָט דעם אַלטן בלעטערפֿאַל צונויפֿגעקליבן
און אײַנגעפֿלאָכטן אין דעם שטויב־נעפּל, וואָס גרויט,
א געל געשפּענסט, וואָס זאָל דערמאָנען אײַער טויט.

נאָר וואָס דער ווירבלווינט האָט מער און מער געהוליעט,
האָט איר וואָס צאַרטער אײנס צום צווייטן זיך געטוליעט
און אין א צאָרע, דוכט זיך, אויסגעשטרעקט א האַנט,
און גרינס גענומען האָט מיט גרינס זיך איבערגיסן,
און בלאַט מיט בלאַט און צווײַג מיט צווײַג יאַדאַכעס שליסן;
און קעגן זאַמד, וואָס האָט מיט מידבער שווער געשפּאַנט,
האָט איר אײן גרויסן פּאָרהאַנג אויסגעהעפֿט, ווי ריזן,
און אויסגעבויט פֿון גרין קרישטאָל א קישעף־שלאָס
מיט טורעמלעך, מיט זײַלן, מיט קאַרניזן.

און דאָרטן אונטער ליכטיקע געוועבן
געזעסן איז אַליין דאָס אײביק לעבן —
דאָס לעבן — אָט דער יונגער באַלעבאָס
אויף קאָלע גרינס, אויף רעגנבויגנדיקע האַפּטן,
דער מײלעך איבער פֿראַנק־און־פֿרײַע זאַפּטן —
און האָט ניט אויפֿגעהערט צו טרינקען פֿונעם קאָס,
וואָס ווייסט ניט פֿון קײן דנאָ און פֿון קײן ראַנדן,
וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרשיטן מיט קײן זאַמדן.

און אָט האָט אָפּגעברומט, אוועק איז דער בײַזווינדער,
און ווידער וואַקסט איר, ביימער, יעדערער באַזונדער,
און שוין נאָך דעם, ווי ס'האָט מײַן אויג דערשפּירט,
ווי איר האָט צווישן בלעטעלעך, אינמיטן
א פֿרעמדע שוואַלבן־נעסט געקענט פֿאַרהיטן,
איז פֿיל איך, איר זענט גאַנץ און ניט געריִרט,
און ס'האָט קײן אָדערל אין אײַך זיך ניט צעבראָכן,
איר ראַסטעט שוין, איר מאָסטעט אײַערע קנאָכנס,

איר אָטעמט אָפּ, צעעפֿנט ברייט די קרוין
און לאָזט אַרײַן אין זיך דעם שטילן הימל־רוים.

אָ, בוים־געזינד, ווו אַלץ אפּסנײַ באַגינט,
איר כאַפּט דעם אָנבליק פֿון מײַן אייגן הויזגעזינד,
דורך אײַערע נאָך צעפּאַטלטע טשופּרינעס
סע ווינקען שטיל צו מיר אַזויפֿיל גוטע מינעס
פֿון אומגעבראַכטע פֿרײַנט, און ס'דאַכט, אַז איר פֿאַרשפּינט
דאָס אָפּגעריסנס אין מײַן האַרץ, בעשאַס איר גרינט.
כ'האָב ליב אײַך,ביימער, נאָך א שווערן שטורעמווינט.

1947

# אינהאַלט

זײַט

**I. דער גורל פֿון א ניגון**


וואָס אין פֿידעלע שטעקט . . . 7
ווי מע טאַנצט א האָנגע . . . 9
דער מאַמעס וויגליד . . . 15
דער ניט פֿאַרענדיקטער ניגון . . . 17
דער מײַסטער פֿון פֿײַפֿעלעך . . . 19
דאָס מײַסעלע פֿון לעבן . . . 21
דאָס לידעלע אויף דעם צווײַגל . . . 23
דער פֿאַרקישעפֿטער טראָמפּייט . . . 25
דער דימענט־שלײַפֿער . . . 26
דער גאָלדענער בוים . . . 30
דאָס יאַמען־מיידל . . . 31
דער רעגנטראָפּן . . . 36
פֿאַרוואַנדלונג . . . 38
דער פֿאַרגעסענער קלאַנג . . . 39
באַלמעלאָכישער קאַנט . . . 41
מײַן טאַטנס צוואָע . . . 44
מײַן טאַטנס ליב מײַסעלע . . . 47
באַלאַדע וועגן גייער און קוואַל . . . 51

צום צערטלער פון לעבן . . . . . . . . . . . . . . 53
דער אומקער פון מײַן נעשאַמע־מאלקע . . . . . . . . . . 55
1. די שוואלב אף מײַן שויב . . . . . . . . . . . . 55
2. אומקער . . . . . . . . . . . . . . . . . 57
3. מײַן נעשאַמע־מאלקע און איר קריגעלע . . . . . . . . 58

## II. דאָס גרינע בלעטעלע

מײַן אײנציקער האר . . . . . . . . . . . . . . . 63
קנאָספּן . . . . . . . . . . . . . . . . . . 64
דאָס גרינע בלעטעלע . . . . . . . . . . . . . . 66
אן אָנגעמאָלטע יאמבילד . . . . . . . . . . . . . 68
דער שמעטערלינג . . . . . . . . . . . . . . . 69
רײַכעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 70
דער ערשטער סטויג . . . . . . . . . . . . . . . 72
דער ערשטער הארבסטיקער בלאט . . . . . . . . . . . 76
דער הארבסט־אויצער . . . . . . . . . . . . . . . 78
לאָזעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 79
אפן בארג שטײט א דעמב . . . . . . . . . . . . . 81
דער װאנדלדיקער גראָזן־קנויל . . . . . . . . . . . 82
דער רויטער עפּל . . . . . . . . . . . . . . . . 84
בעז . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 86
דאָס טויעלע . . . . . . . . . . . . . . . . . . 88
װאסער־קריגעלעך . . . . . . . . . . . . . . . . 89
מײַן אומעט . . . . . . . . . . . . . . . . . . 90
קינדערשע פארגלײַבטקײַט . . . . . . . . . . . . 92
ייִנגלשע געגג . . . . . . . . . . . . . . . . . 93
מײַסע קונדעס . . . . . . . . . . . . . . . . . 95
א גוטער פאַרגעפּיל . . . . . . . . . . . . . . . 96
כ׳וויל ניט . . . . . . . . . . . . . . . . . . 98
די כאָכמע פונעם שטאָלגיסער . . . . . . . . . . . 99
פארגאפטקײַט . . . . . . . . . . . . . . . . . 101

דאָס פערד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 103
די שיינקייט פון א וואסערפאל . . . . . . . . . . . . . . 105
די שרעקלעכסטע אווירע . . . . . . . . . . . . . . . . . 106
די זוים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 108
ברויטן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 109
די מילדקייט פון שניי . . . . . . . . . . . . . . . . . . 110
צום רעגנבויגן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 112
דער באפעל . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 114
פארשפאַרט א גאנג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 115
אָן רו . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 116
די מאָס פון זאכן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 117
לעוואָנע־פייער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 118
א פאָלקסטימלעכע ליד . . . . . . . . . . . . . . . . . 119
דאָס רעדעלע... . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 120
די ווייסע טויב . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 121
מאַרגן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 122
הארבסט אין פעלד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 123

## III. דער טאָגבוך פון הארץ

מיין הוידלקע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 127
באם פארפרוירענעם פענצטער . . . . . . . . . . . . . . 130
ווארעמע סטעזשקעלעך . . . . . . . . . . . . . . . . . 132
דער מאמעס קאָשעקל . . . . . . . . . . . . . . . . . 134
באם אלטן נוסנבוים . . . . . . . . . . . . . . . . . . 136
דאָס זומער־פייגעלע . . . . . . . . . . . . . . . . . . 137
מאטיאָלע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 138
באם זיידן מוישען אף קייווער־אָוועס . . . . . . . . . 139
מיין זיידע זאלמען דער וואסערפירער . . . . . . . . . . 142
1. מיין זיידנס זשילעטל . . . . . . . . . . . . . . . . 142
2. דעם זיידנס ברונעם . . . . . . . . . . . . . . . . . 143

פאַרשיידענע גויראַלעס . . . . . . . . . . . . . . . 145
דער כאַכעם . . . . . . . . . . . . . . . . . 146
א פראַגע צום קוואַל . . . . . . . . . . . . . . . 147
דער קערן . . . . . . . . . . . . . . . . . 148
דאָס וואָרט . . . . . . . . . . . . . . . . . 149
וואָרט־פּייַן . . . . . . . . . . . . . . . . . 150
די פּען . . . . . . . . . . . . . . . . . . 151
א ווונטש . . . . . . . . . . . . . . . . . 152
א דאַנק . . . . . . . . . . . . . . . . . . 153
צו וואָס? . . . . . . . . . . . . . . . . . 154
דער מושל . . . . . . . . . . . . . . . . . 155
אנטראַציט . . . . . . . . . . . . . . . . . 156
דער אנשלאָפענער ווולקאַן . . . . . . . . . . . . . 157
דאָס גליוועריעמל . . . . . . . . . . . . . . . 158
דער בלינדער רעגן . . . . . . . . . . . . . . . 159
דאָס לייַדנדיקע ווינטעלע . . . . . . . . . . . . . 160
טרערן פון פרייד . . . . . . . . . . . . . . . 161
קראַפּט . . . . . . . . . . . . . . . . . . 162
הוידע מיך, ווינט . . . . . . . . . . . . . . . 163
לייענענדיק אַמאָר כאַיאַמען . . . . . . . . . . . . 164
די שאָטן־מאָס . . . . . . . . . . . . . . . . 165
אן אייביקייַט . . . . . . . . . . . . . . . . 166
א באַקאַשע . . . . . . . . . . . . . . . . . 167
ווער בין איך? . . . . . . . . . . . . . . . . 168

## IV. נאָכן געוויטער

דער גוטער גלעזער . . . . . . . . . . . . . . . 171
דאָס וואָרט פון א בעקערל . . . . . . . . . . . . . 174
דער פּליטן־טרייַבער . . . . . . . . . . . . . . 176
דער פּאַנצער . . . . . . . . . . . . . . . . 190
נאָכן געוויטער . . . . . . . . . . . . . . . . 200

Ройтман Шлема Иделевич

МЕЛОДИЯ МАТЕРИ

*(на еврейском языке)*

М., «Советский писатель», 1971, 208 стр. План выпуска 1971 г. № 271. Художник В. В. Локшин. Редактор Э. М. Малькович. Худож. редактор Е. Ф. Капустин. Техн. редактор И. М. Минская. Корректор А. Б. Стрельник. Сдано в набор 6/IV 1971 г. Подписано к печати 1/XI 1971 г. А04191. Бумага 70×108 1/32 № 1. Печ. л. 6 1/2 (9, 10). Уч.-изд. л. 5,08. Тираж 1000 экз. Заказ № 289. Цена 54 коп. Издательство «Советский писатель». Москва К-9, Б. Гнездниковский пер., 10. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР г. Москва, пер. Аксакова, 13.